STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01275

KOL NIDRE

A. Sharkanski

Permanent preservation of this book was made possible
by Robbie Hoffman Schreiber & Bonnie Hoffman Lustig
in honor of
their beloved father, Jack

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כָּל נִדְרֵי

היסטארישע אָפּערעטטאַ אין 4 אַקטען

פֿון

מ. ש.

КОЛЪ НИДРЕ

Историческая оперетта

въ 4 дѣйствіяхъ.

Варшава 1907.

Тип. Н. Старовольскаго Гусья 18.

די פּערזאָנען:

אַלפאָנס:	קעניג פון שפּאַניען.
באַרטעלאָ:	האָפּזענגער
פּאולוס:	גרויס אינקוויזיטאָר
עלווירא:	זיין טאָכטער
בענעדיקטוס:	יעזואיט
מאַרגאַריטאַ:	נאָנע
דיענאַ:	דיענער ביי עלווירא
פראַנציסקאַ:	דיענער ביי עלווירא

קערקער מייסטער:

העראָלד:

אָפּיציער:

דיענער ביי פּאולוס, ריכטער, פּאַזשען, סאָלדאַטען, פאַנען=טרעגער, יעזואיטען, פאָלק.

עס קומט פאָר אין מאַדריד צור צייט פון דער אינקוויזיציאָן.

ערשטער אקט.

(איינע שטראסע, לינקס סאנט פאולוס־הויז און קירכען, פון דארט הערט זיך געזאנג און קלונגען, כאר זינגט אין דער קירכע)

כאר: העלף אונז גאט, בעשיץ אונז נאר
דו ביזט אלעס אהנע דיר וואס זענען מיר?!..
בעשיצע אונס אלע... (פאלק ערשיינט פון דער קירכע)
וואס גיעבט עס דען וואס איז דא געשעהן?! (בים)
איזט יעמאנד געבוירען אין קעניגס הויף
אדער גאר פערלארען, געהט עס נון צום שטרייט
זאגט איהר ליעבע לייטע צו וועלכען צוועק
האט איהר אייך הייטע פערזאמעלט?...
זעהט נור דער פאטער פאלוס קאמט הער,
דער בעקאנטער העראלד קומט אן (אויפטריט העראלד)

העראלד: הערט אוים איהר ליבע לייט
איין פעסט איין גראסעס, איז הייט.
דער קעניג ווירד היער באלד ערשיינען
צור פראצעסיאן ווירד ער קאמען, און אלע פראמע
אויך מיט איהם דא הער פערזאמעלט
צום געבעט זייט איהר געלאדען היער,
נון געהט און קומט דריי שטונדען שפעטער,
צו דאנקען גאט און אונזער רעטער.

כאר: אה, פייערט הייטע, ליעבע לייטע
דיעזען גראסען פעסט,
און דאנקט דעם קעניג, אונטערטהאניג
די זארגען נור פערגעסט
עס לעבע, עס לעבע, אונזער קעניג אונד אויך אלע, נו, שרייט:
וויוואט! וויוואט! עס לעבע די עהרע פון לאנד! (בים)
און אלע קעמצער זאלען געהן צום בראנד!
אה, נור צום בראנד! צום בראנד!
שרייט אלע וויוואט! פיר שפאניעז לאנד! (בים)

דיעגא: שנעלער פֿראַנציִשקא, שנעלער!

פראנצישקא: וואָס איז? וואָס יאָגסטו מיך, וואָס ווילסטו?!

דיעגא: הײַנט וויל איך אַסך זאָגען; ערשטענס בין איך אַ קריסט, וויל איך געהען אין קירכע, צווייטענס וויל איך זעהען די פּאַראַדע. אוי וועט דאָס זײַן אַ פּאַראַד! דו ווייסט דען וואָס פאַר יום טוב הײַנט איז? עס איז אַגעפֿעהרליכער יום טוב? מען האַלט נאָר אין איין פּויקען, אין איין טרעמפּײַטען, אין איין קלינגען, עס איז אַמין יוב... יוב... ווי אַזוי הייסט עס? אַ מין אַ מין יוביִלעאום! הײַטע ווערט 14 יאָהר זײַט מען האָט די יודען אַרויסגעטריבען פֿון שפּאַניען, און ווייסטו וועמען מיר האָבען צו פֿערדאַנקען? דער פֿאָטער פּאַולוס! דאָס הייסט דעם גרויס אינקוויזיטאָר! אוי האָט ער זיי געברענט און געבראָטען, אַז עס איז געגאַנגען אַרויך! נו וואָס שטעהסטו? וואָס פֿרייעסט דו זיך נישט?

פראנצישקא: וואָס זאָל איך מיך פֿרייען, אַז עלוויראַ איז פּאַולוסעס טאָכטער און פֿרייט זיך ניט, און איך, וואָס מײַן פֿאָטער איז נישט קיין גרויסאינקוויזיטאָר, זאָל איך מיר אפשר גאָר שטעלען טאַנצען?

דיעגא: פֿאַר וואָס ניט? אוי, ווען איך בין עפּיס אַגרויסער מאַן וואָלט איך אַזוי געטהון, הײַנט וואָלט איך אַרויסגטריבען די יודען און געמאַכט אַ באַל, און מאָרגען וואָלט איך זיי ווידער אַרײַנגענומען און ווידער געמאַכט אַבאַל, און אַזוי וואָלט איך געהאַלטען אין איין באַלעווען (טאַנצט אַרום).

פראנצישקא: זעהט נור, ווי פֿרעהליך, ווי לוסטיג ער איז!

דיעגא: פֿאַר וואָס ניט? וואָס פֿעהלט מיר? געזונד בין איך, עססען קאָן איך, שלאָפֿען קען איך, שכל האָב איך, און אַקוים אַז איך וויל קריגע איך אויך... נו וואָס נאָך פֿעהלט מיר? פֿאַר וואָס זשע זאָל איך נישט זײַן פֿרעהליך? (טאַנצט אַרום).

פראנצישקא: נו, און אונזער עלוויראַ אַרט דיך ניט, וואָס זיא איז אַזוי טרויריג?!

דיעגא: עס אַרט מיך יאָ! איהר פֿערליִעבעניש קאָסט מיך אַשטיק געזונד! איך זאָג דיר די וואַרהײַט פֿראַנציִשקאַ, אונזער עלוויראַ איז גוט ווי די וועלט, שעהן ווי אַ מלאך, נור דאָס וואָס זי ליבט דעם האָפֿזינגער באַרטעלאַ, אָט דאָס איז איין אונגליק! אוי, ווען איהר פֿאָטער זאָל דאָס ערפֿאַהרען, ווינש איך מיר גאָר ניט אין איהר הויט צו שטעקען!

פראנצישקא: וויעפֿיעל דאָס אָרמע קינד לײַדעט דורך איהר פֿאָ־

אין אַ יאָהר און אויף ווי לאַנג ?— 5 מינוטען און שוין ! נאָר מיט די ביבער און די מאַטער אינסטרומענטען דאָס איז זיין בעשעפטיגונג .

דיעגא : הערסטו ! דערפאַר איז ער דאָך אַזוי גרויס געוואָרען, דען פערגעס ניט, אַז אַמענש איז ביז 30 יאָהר אַ יוד און אין אשיינעם פריה מאָרגען גיט ער זיך אשמד אונטער, און טהוט אַזוי פיעל פאַר דער אינקוויזיציאָן, מעהר פון אַלע, עס געהט דאָך איהם קיין זאַך ניט אָן, דאָס ווייב איז איהם נעשטאָרבען פאַר פער־דרוס — אַדאַגה איהם ! אקינד איז איהם געבליבען און מוטשעט זיך — וואָס געהט עס איהם אָן, אבער איך . . זאָגט ער ! — בין גרויס אינקוויזיטאָר ! אָט אַזוי ווערט מען גרויס, וואָס דען אַזוי ווי מיר ? טאָג און נאַכט נאָר מיט ליובקעס און געשיכטען, דאָס מזל אויף אונזערע שונאים ! ער איז איין אייזערנער מענש ! האָסטו געהערט, ווי ער גיט זיך אַזאַ זאָג קאַלטבליטיג, נעמט איהם און פערברענט איהם !.. און אָט האָט מען איהם גענומען, און אָט האָט מען איהם אַריינגעלייגט אין קעסעל אַריין און ער סמאַלעט זיך שוין,

פראַנציסקא : אַך, שרעקליך ! די גוטע עלווירא זאָל האָבען אַזאַ פאָטער ! זי איז דאָך, זא זיס, זאָ מילד און ער זאָ גרויזאַם !

דיעגא : דערפאַר איז ער דאָך אָבער איין אמת׳ר אינקוויזיטאָר, און ווען עס זאָלען אַכך אַזעלכע זיין, וואָלט דאָך שוין גוט געוועזען.

פראַנציסקא : אָה דיעגאַ ! זעה, ווי פערשידען אונזער עלווירא, איז פון איהר פאָטער ! ער זיצט ביים קעניג יובעלט און פרייט זיך און זי זיצט אַליין צו הויזע, איהר געזיכט איז זאָ בלאַס, איהרע אויגען מיעד פון וויינען, זי דענקט נור פון איהם, פון איהר געליבטען באַרטעלאַ, קום דיעגא ! לאָמיר איהם אויפזוכען און איהם ברענגען צו איהר.

דיעגא : זאָל איך פיליכט געהן צום קעניג און איהם ברענגען צו איהר ?

פראַנציסקא : ניין, ער איז יעצט, נישט ביים קעניג ! מיר וועלען איהם געפינען ביי איהם אין דער היים, קום ! (זי וויל געהן).

דיעגא : וואַרט נאָר אוים ! אַזוי געהט מען עס פערביי אַקירכע ? מיר נישט, דיר נישט ? ווי חאַפּט מען עס ניט אַגוט וואָרט אין מויל אַריין אין אַזאַ טאָג.

פראַנציסקא : נון, גוט ! וואָלען וויר קניהען און לאָמיר בעטען גאָט פאַר אונזער גוטע עלווירא.

דיעגא : נון, גוט ! און איך וויל בעטען פאַר דיר (ביידע אב, אויפטריט בענעדיקטוס, מארגאַריטא).

בענעדיקטוס: נו, וואס וואָלען זי מיר אייגענטליך זאַגען?

מארגאריטא: (לאַנגזאַם) איך מעכטע ווינשען, מיינע ווערטער זאָלען גרייכען ביז צו די אָהרען דעם גרויס אינקוויזיטאָרס, דען עס איז זאָ וויכטיג, זאָ וויכטיג!...

בענעד׳: און וואס זאָל דאָס זיין?

מארג׳: איינע הימעל שרייענדע זינד האָב איך ענטדעקט...

בענעד׳: נו... נו... זאָ רעדען זי דאָך!

מארג׳: אָבער זי מיסען צו אַלעם איין ביסעל געדולד האַבען, דאָס בומבלען אויף דער שטראַססע האָט מיך זאָ ערשיטערט!

בענעד׳: נו זאַגען זי דאָך אַמאַל צום טייפעל! וואָצו די פילע רעדענסוואָרטע?

מארג׳: ווען זאָ, זאָ זאַגע איך ליעבער גאַר ניכט, לעבען זי מיר רעכט וואָהל (וויל געהען).

בענעד׳: שטעהן זי דאָך אַמאַל (אפארט) די מאַרגאַרעטאַ שיינט עטוואָס וויכטיגעס צו וויסען... נון, אַלזאָ, וואָס וועלען זי מיר זאַגען?

מארג׳: אך דו מיין ליעבער גאָט! ווען איך זאָל אַמאָל שטערבען, דאַן ווינש איך מיר, דאָס דיעזע גוטע טהאַט זאָל מיר איינגערעכנעט ווערדען! היינטע געה איך אויף דער שטראַססע, איך בין דאָך נור איינע שוואַכע פרוי, אַבער אַך דו מיין ליעבער גאָט! וואָצו לעבט דען דער מענש? ווען ניכט גוטעס צו טהון... געסטערן איזט מיינע נאַכבאַרין געשטאָרבען, זי וואַר שוין ביינאַהע 60 יאַהר... ניין איך ליגע... זי וואַר נור 57 יאַהר... אַבער איך בין דאָך נור איינע שוואַכע פרוי! אַך דו מיין ליעבער גאָט!.. ווי קאַן מאַן דען זאָ שלעכט זיין אונד איינעם מענשען ניכט העלפען!.. איך בין די גאַנצע נאַכט נעבען מיינע נאַכבאַרין געזעסען, זי האָט אין איהר היטצע זאָ פיעל דומהייטען צוזאַמען געשפראָכען, זי האָט זאָ געשריען אונד געליאַרמט, דאָס עס האָט מיך געשוידערט הערענד, רענקט אייך נור ווערטער, פריינד, זי זאַגט צו מיר—: מאַרגעריטאַ! איך בין קיינע קריסטין, נור איינע יודין, איהר גלויבט איהר האַבט שוין אַלע יודען פאָן שפאַניען פעריאַגט? דומהייטען!...

בענעד׳: אָה, ניין, דאָס זינד קיינע דומהייטען!

מארג׳: אַבער עס איז נאָך גאַר ניכט... זי האַט זאָפיעל געפלוידערט דאָס איך קען עס גאַר ניכט נאָכזאָגען, עס גיעבט זאָגט זי זעהר פיעל יודען אין שפאַניען די האַלטען זיך אינם געהיים! אונד איהר אנפיהרער איזט איין גרויסער אונד בעריהמטער מאַן! (זי קוקט זיך אום) דאָס איזט דער קעניגליכער זענגער באַרטעללאַ!

בענעד׳: באַרטעללאַ?!

מארג': דענקט אייך נור, ווען דאס זאל וואהר זיין?! איך דאכטע מיר, מארגארעטטא, זא וואס דארפסט דו ניכט פערשווייגען אונד זא בין איך באלד צו איהנען געלאפען אונד עס אלעם ערצעהלט האב איך ניכט רעכט געטהאן? וויר זינד דאך אלטע בעקאנטע (קיצעלט איהם) ניכט וואהר?..

בענעד': זעהר גוט! זעהר בראוו! אלזא געהען זי ליעבע מארגע־ריטא אונד קאמען זי מארגען וויעדער אונד ווען זיא אביסעל צייט האבען, זא שפאציערען זי נאך, וואהין בארטעלא געהט, צו וועם? און וואס ער מאכט? איך ווערדע עס איהנען שוין אבדאנקען!

מארג': אך עס איזט דאך יא מיינע פפליכט, ווען דער מענש לעבט זאל ער דאך איין פראמער קריסט זיין, נון לעבען זי וואהל, איך געה שוין, הײטע איז דאך איין פייערטאג.

בענעד': גאט זאל אייך זעגנען!

מארג': אך דו מיין ליעבער גאט! הײליגער פאטער! דיעזע נאכט ווערדען זי מיר דאך בעזוכען? ניכט וואהר?.. אך דו מיין ליעבער גאט? (אב)

בענעד': זאל עס מעגליך זיין? בארטעלא איין אנפיהרער פון געהיימע יודען? איך גלויבע קוים, אב אים גאנצען לאנדע זיך איין איינציגער יודע פינדעט, דיא וועלכע וויר ניכט פערבראנטען, האבען וויר געענצליך פערטריעבען פאם לאנדע! אונד ווי זאל עס זיך נאך געהיימע יודען פינדען? זא אדער זא, איך מוז עס מעלדען דעם גרויסאינקוויזיטאר אה! איהם ווירד דיעזע נאכריכט גוט שמעקען, דען ער האסט דען בארטעלא ווי דען טוידט, אונד איך ווערדע אויך דאביי עטוואס פערדיענען, אונד פיללייכט ענטדעקע איך ווירקליך זא איין פאאר געהיימע יודען, זא האבע איך די געלעגענהייט קארדינאל צו ווערדען. האַן חאַ, חאַ (אב). (אויפטריט עלווירא, פערשלייערט, שוויט אין קירכע).

עלווירא: בארטעלא! בארטעלא! אך גאט; איך מוס איהן זעהן, איך מוס איהם ווארנען, אבער וואו זאל ער זיין? אונד וואו זינד מיי־נע דיענערשאפט, איך האבע זיא דאך נאך איהם געשיקט, אך מיין הערץ, ווארום שלאגסט דו זא שטארק? הייטע איזט פייערטאג, אלעס ווירד אין דער קירכע קאמען, פרעהליך ווירד דער קנאבע זיין, לוסטיג דאס מעדכען, דיא גלאקען קלינגען, דיא ארגלען שפילען, נור איך איינע בין זא טרויריג, אך גאט! וואצו בין איך געבארען? מיינען פאטער קען איך ניכט—אונד דארף איהן ניכט ליעבען אונד מיינע מוטער? אה! ווען מיינע מוטער זאל [illegible] זי ווירד ווײנען מיט ביטערע

טרעהרען! אה! איך בין דאס אונגליקליכסטע געשעפף אויף גאטעס ערדבאדען! איך טראגע אין הערצען איינע וואונדע, וועלכע ווירד ניע פערהיילט ווערדען! אך! איך הערע שריטע! עס איזט מיין בארטעלא! (אויפטריט בארטעלא)

בארטעלא: מיינע געליעבטע עלווירא (אומארמונג).

עלווירא: מיין בארטעלא! איך האבע דיך שוין געזוכט איבעראל.

בארטעלא: דיינע דיענער האבען מיר שוין ערצעהלט, איך פאנד דיך ניכט צו הויזע, זא בין הער געלויפען, אבער ווארום ביסט דו זא בלאס? זא נידערגעשלאגען?

עלווירא: איך ברענגע דיר קיינע גוטע נאכריכט! היטע דיך גע-ליבטער! בארטעלא דו האסט איינען געפעהרליכען שלויען פיינד!

בארטעלא: ווער איז דער פיינד פאר וועלכען איך מיך היטען זאל?

עלווירא: דו קענסט איהם, עס איזט מיין פאטער, דער דיך צו פערדערבען זוכט!

בארטעלא: דיין פאטער? האט ער פיעלייכט פון אונזער הייסע ליבע ערפאהרען!

עלווירא: דאס נישט! אבער געסטערען בין איך אין מיינעם צימער געזעסען אונד האבע איינס פון דיינע ליעדער געזונגען, אין אנפאנג האט ער דאס רוהיג אויסגעהערט, דאן ווארדע ער מיט איינעם מאל פערראט! אונד מיט איינער דיסטערען שטיממע שפראך ער צו מיר! קינד! זינגע ניכט דאס ליעד, עס איזט מיין פיינד, וועלכער דאס געשריבען האט אונד איך ווערדע וויסען ווי איהם צו פערניכטען!

בארטעלא: פירכטע ניכט זיסער ענגעל! דיין פאטער קאן מיר ניכטס טהון, דען ווי מעכטיג ער איז, זא שטעה איך דאך איבער זיין געוואלד! דען דער קעניג איזט מיין פריינד.

עלווירא: אה, געליבטער בארטעלא! דו קענסט מיינען פאטער ער איזט איין מעכטיגער מאן אונד ווען ער איינמאל זיין ווארט גגעגעבען האט איינעם צו פערדערבען זא איזט זיין אונגליק נאה!

בארטעלא: האבע נור קיינע אנגסט ליעבע עלווירא! דיין פאטער איזט מעכטיג! אבער ניכט געגען מיר! איך פיהלע זיך מעכ-טיגער געגען איהם, יעצט אבער מוזט דוא מיר ענטשולדיגען געליבטע! איך בין אין דער גרעסטער איילע היער הערגעלויפען, איך מוס באלד צום קעניגליכען פעסט ערשיינען.

עלווירא: ווירסט דו הייטע אויך אין דער קירכע זינגען?

בארטעלא: איך קאן דאך ניכט אנדערש, אלזא לעבע וואהל גע-ליבטע נאך דעם פעסטע זעהען וויר אונס וויעדער.

עלווירא: געה אין פריעדען, גאט שיטצע דיך! קאמע, איך בעג-

לייטע דיך, באַרטעלאַ, (בײדע אָב), (אויפֿטריט פּאולוס בענדיקטוס פֿון דער קירכע)

פּאולוס: אימער דאָס אַלטע שפּריכוואָרט, בענדיקטוס! ניכט אַלעס איז גאָלד וואָס עס שײַנט, און ניכט יעדער וועך אין דער קירכע קאָמט איז אײַן קריסט.

בענעד׳: דאָס שטימט, הײליגער פֿאַטער!

פּאולוס: אָבער פֿון געהײמע יודען פֿערזאַמלונג האָב איך ניעמאַלס געאַהנט, נאָך אײנמאַל וואָס האָט דיר די פֿרוי ערצעהלט?

בענעד׳: דאָס באַרטעלאַ איין אַנפֿיהרער פֿאָן געהײמע יודען איזט, דאָס עס גיעבט פֿערזאַמלונגען אונד גאָטעסדיענסט ווערדען אָבגעהאַלטען, וועלכע בײַ טודעס שטראַפֿע פֿערבאָטען איזט.

פּאולוס: איך ווערדע עס ענטדעקען! ברענגען מוס ער, איך וויל עס!

בענעד׳: אָבער דער קעניג ליעבט איהם זאָ!

פּאולוס: מעג איהם ליעבען ווער עס וויל! איך בין קעניג, ווען עס זיך אום די עהרע דער קירכע האַנדעלט! ווײַכטו בענעדיקטוס! ער האָט אונס דען גאַנצען האָף פֿערגיפֿטעט! זיין אײנפֿלוס איז שעדליך! עס איזט וואַהר, איך בין געפֿירכטעט, אָבער ניעמאַנד ליעבט מיך היער, איהם דאַגעגען ליעבען אַלע, דאָס פֿאָלק, דער אַדעל, דער קעניג, אונד ערסט דיא ווײַבער! די זינד פֿאָן זײַנעם זינגען גאַנץ בעצויבערט.

בענעד׳: אָבער ווי זאָל מען דאָס אײגענטליך אַנפֿאַנגען? גלויבען זי דאָס לאָסט זיך, זאָ לײַכט מאַכען? איזט ער געהײמער יודע, זאָ איזט עס זיכער אײנע שווערע אויפֿגאַבע דאָס צו איבערצײַגען.

פּאולוס: דומהײַטען! יע שווערער דער קאַמפּף דעסטאָ זיעסער דער זיעג! איך האָטע דיעזען באַרטעלאַ שוין לאַנגע, אין זײַנעם וועזען ליעגט עטוואָס, וואָס מיך צום ציטערען מאַכט! דאָך געדולד מוס מאַן האָבען! יעצט אָבער גילט עס צו האַנדלען! בענעדיקטוס, שפּיאָנירע איהם נאָך, זעה וואָהין ער געהט אונד אויך ווען עס זאָל אײנע לאַנגע צײַט דויערן, וויר דאַרפֿען די האָפֿנונג ניכט פֿערליערען עס ווירד אונד עס מוס אונס געלינגען, אונד געלינגט עס אונז!.. בענעדיקטוס! בײַ אַלעם הײליגעם איך מאַכע דיך צום קאַרדינאַל!

בענעד׳: איך דאַנקע, הײליגער פֿאַטער!

פּאולוס: אונד נאָך הײַטע לעגען וויר דען ערסטען גרונדשטײַן! הערע בענעדיקטוס! הײַטע בײַם קעניג זיבען פֿעסט האָט באַרטעלאַ אויסגעפֿעהלט, דו פֿערשטעהסט, וואָס דאָס הײַסט? באַרטעלאַ האָט בײַם קעניגליכען פֿעסט אויסגעפֿעהלט!.. דאָך איך הערע די

גלאָקען קלינגען צום געבעט, קאָם (בּיידע אב).

(אויפטריט: פאָלק, מיליטער, פאָנענטרעגער. מען מאַרשירט די ביהנע, כאָר זינגט ...

כאָר: מיט לייכטע שריט געהט פאָרווערטס נאָר מיט מוטה,
מאַרש קאַמעראַדען רעכטס לינקס מאַרשירען צוזאַממען,
פריי די ברוסט אַרויסגעשטעלט,
פיר דאָס לאַנד אונד גאָטעס נאַמען
רעכטס לינקס מאַרשירען וויר צוזאַמען
פריי די ברוסט אַרויסגעשטעלט
שולטער אונד שולטער פרעזענטירט,
זיך ניכט פערליערט אַלע מאַרשירט מיט לייכטען טריט
האָך פיר אונזער קעניג, פאַר אונזער הערשער פון לאַנד
בעשיצע איהם מיט דיינער האַנד
האַלט אויף איהם דיין רעכטע האַנד, (בּיס: מיט לייכטע שריט ... א. ז. וו.)

(אויפטריט קעניג, באַרטעלאַ, פאַזשען פון רעכטע זייט, בענעדיקטוס פאַולוס פין קירכע)

כאָר: דא קאָמט דער קעניג היער הער,
פיר אונזער קעניג אונד פיר דיע קירכע
מיר בעטין גאָט שיצע זיי אונד היטע,
פון יעדען פיינד שיצע זי אונד בעהיטע גאָט דער שטאַרקער,
וויר בעטען דיך... א אַמין!

קעניג: (זינגט) איך דאַנקע אייך מיינע פריינדע, איך דאַנקע!
איך דאַנקע אייך אַלע פיר דען עמפפאַנג,
לאַסט אַלע גלאָקען קלינגען
אונד די זענגער זאָלען זינגען
מיט עהרע פורכט נענט דעם נאָמען פאָן איזאַבעלאַ
רוהע איהרער אשע, נאָ פרייעט אַלע דיעזען טאָג מיט מיר

כאָר: אימער אין פריעדען, אַלע ווי ברידער
פיר דאָס לאַנד צו שטרעבען מיט אַלע גליעדער
ניעמאַלס זיך קלאָגען, קיין שלעכטעס זאָגען
נאָר דאַן קענט איהר אַלע גליקליך זיין!

קעניג: נון רופט, הויך לעבט אונזער לאַנד! יאַ! יאַ!

כאָר: האָך לעבע, האָך לעבע דער קעניג!

קעניג: נון רופט, האָך לעבע אונזער לאַנד! יאַ! יאַ!

כאָר: דאַנקט אַלע דאַנקט נור איהם!

קעניג: וויוואַט!
כאָר: האָך! וויוואַט! (בּיס 3 מאָל)

קעניג: האך לעבע אונזער לאנד! רופט מיט מיר!

כאר: האך, האך!

קעניג: עדעלע ריטער אונד בירגער פון מאדריד וויר פייערן הייטע דען זיעג אונזערער קירכע! אונד מיט שטאלץ קענען וויר פערזיכערן דאס אין אונזערעם לאנדע איזט אלעס קאטהאליש אונד גלויביג, זא וואלען וויר אונזער קעניגין מוטער, מיט עהרע-פורכט געדענקען, רוהע איהרע אשע! אונד נון רופט מיט מיר אלע, האך לעבע דאס אנדענקען פאן דער קעניגין איזא-בעללא!

אלע: האך! האך! האך!

פאולוס: מיין ערהאבענער העד אונד קעניג, אונד איהר ליעבעס פאלק פון מאדריד! הערט אויך פאן מיר איין פאאר ווארטע! הייטע איזט איין טאג דער אלגעמיינער פריידע, יעדער גוטע קריסט דאנקט אוים טיעפען הערצען דער גאטהייט פיר אלעס גוטע, וואס זי אונזערעם לאנדע געטהאן האט, אויך איך בין הייטע אויסערגעוועהנליך מונטער, איך בליקע העראב אויף מיין פערגאנגענעם לעבען אונד זעהע, דאס עס ניכט נוצלאז פערלארען געגאנגען, איינס אבער איזט עס וואס מיך הייטע בעטריעבט, היער אונטער אונס איזט דא איין מאן איין יונגער אונד דער איזט עס צו וועלכעם איך א פאאר ווארטע זאגען וויל. יא, זעהר גיטיג וויל איך געגען איהן זיין, דאך דארף איך מיך אין מיינער גיטע ניכט צו וויט הינרייסען לאסען, בארטעלא! דו ביזט עס צו וועלכעם איך שפרעכען וויל! דו ביזט דער ליעבלינג דעס קעניגס, דו ביזט דער בעסטער יונגער שפאניענס, דאס אלעס איזט וואהר! איינס אבער איז ניכט וואהר דו ביזט ניכט דאס קינד, וועלכעס די קירכע אין איהר הייליגען שאאס אויפגענומען האט, דו ביזט פיעל מעהר דער אונווירדיגע זאהן דיינעם אונ-ווירדיגען פאטערס!

בארטעלא: ווי זאל איך דאס פערשטעהן? אונד וואהין זאל דאס ציעלען?

פאולוס: נור אויף די וואהרהייט, ווייכע מיר ניכט אוים! זאגע מיר! ביזט דו איין קריסט?

בארטעלא: יא, דאס וויסען זי!

פאולוס: יא איך וויים עס, אונד דאך וויל איך דו זאלסט מיר מיינע פראגע בעאנטווארטען, ביזט דו איין קריסט?

בארטעלא: יא איך בין קריסט! ווען איין קריסט הייסט דער-יעניגע, וועלכער ניכט ליגט, ניכט בעטריעגט, ניכט נאך מענשענלעבען זוכט, דאן בין איך קריסט אונטער מיינען קריסט-ליכען ברידערן!

קעניג: אבער גראָסאינקוויזיטאָר, באַרטעלאָ האַט ניע גרונד געגעבען אין זיינער פראָמינקייט צו צווייפעלן, ער איזט אויפריכטיג אונד בעזוכט אָפט די היילינע קירכע.

פאולום: אונד דאָך מיין הער אונד קעניג, וויל איך איהנען די קלארסטע בעווייזע ליפערן, דאָס מיין צווייפעל ניכט אונגערעכט איזט; וואָ וואַר דען באַרטעלאָ, ווען אַלעס אים שלאָסע דאַס גרויסע און הייליגע פעסט געפייערט האַט? אונד ווי קאָמט עס, דאַס גראַדע הייטע איזט ער זאָ בלאַס אונד נידערגעשלאַגען? איזט עס ניכט דער בעסטע בעווייז, דאַס ער מיט דעם פעסט אונצופריעדען איזט?! דאס ער אים גרונדע זיינעס הערצענס דאָך איין יודע געבליבען איזט? יאַ, נאָך מעהר! פיליייכט איז אונזער פריידענטאַג פיר איהן פיעל מעהר איין טרויערטאַג!.. איזט עס ניכט וואַהר, באַרטעלא?!

באַרטעלא: איך ביטע זי, הער גראָסאינקוויזיטאָר! ווען זי מיך אין איינער זינדע בעשולדיגען וואָלען, זאָ זאגען זי עס פריי אַרויס אבער אוים מיינער געזיכטספארבע צו שליעסען, אויב איך קריסט בין אָדער יודע! דאס איזט ניכט ווירדיג פיר זי הייליגער פאַטער!

פאולום: ניכט ווירדיג זאגסט דו? לעזע איך עס ניכט אין דיינען אויגען?.. איזט עס ניכט מיט פאָלער שריפט אויף דיינע שטירנע געשריבען דאָס דו געקרענקט ביזט?.. ווי? דו באַרטעלאַ ווילסט ניכט דאַס וויר דיעזען טאג פייערען זאָלען, זאָ געה פאָן היער! וויר וואָלען היער קיין אונצופרידענע געזיכטער זעהן, אייך אבער מיין הער אונד קעניג, מוז איך זאַגען דאַס אייער ליעבלינג דאַרף אונד ווירד אויך הייטע אין דער קירכע ניט זינגען!

באַרטעלא: אבער גרויסאינקוויזיטאָר, וואס וואָלען זי? לאסט מיך דאָך ענדליך פיר דען קעניג אונד פיר אַלע די פערזאַמעלטע מיינע בעשולדיגונג הערען... לעבע איך ניכט קריסטליך אונטער מיינען קריסטליכען ברידערן? בין איך דער קירכע פרעמד? זאגט עס מיר דאָך ענדליך?

פאולום: איך האַבע עס דיר געזאגט אונד זאָל עס דיר אויך צור וואַרנונג זיין! היטע דיך באַרטעלאַ! דיא עהרע דער קירכע שטעהט מיר פיעל העהער אַלס מיין ווילע, העהער זאָגאַר אַלס די גונסט דעס קעניגס! דאַרום בלייבע איך דיין געגנער, זאָ לאַנג מיין הערץ עס דיקטירט! איך, זאָוואָהל אַלע אינקוויזיטאָרען ערקלערען אונס אין דיזעם טאגע, אַלס דיינע שטרענגסטען ריכטער, פאַר וועלכע דו רעכענשאַפט ווירסט אבגעבען מיסען אויף אַלע דיינע טהאַטען! (צום קעניג) עס איזט וואַהר איהר זייט מיין הער אונד געביעטער! איך אבער בין גאָטעס דיענער, אונד בעהויפטע מיינען פלאַץ אַלס זאָ איינער!

קעניג: גענוג, העֶר גראָסאינקוויזיטאָר! די עֶהרעֶ דעֶס טאַגעֶס שטעֶהט צו הויך אום שטרייטיגקייטעֶן אונטעֶר אונס צו ערהעֶבעֶן, וואָלעֶן וויר ליעבעֶר אין די קירכעֶ געֶהן אונד זי היילִיגעֶר פאַטעֶר, גיעבט אונס אייעֶר זעֶגעֶן, קאָמט ליעבעֶס פאָלק, אויך דו באַרטעֶלאַ! (אַלע גיהן)

פאולוס: (שטויסט אָב באַרטעלא, קעניג אָב). צוריק באַרטעֶלאַ! נור פאַר גוטעֶ קריסטעֶן איז דעֶר איינגאַנג אין די קירכעֶ פריי!

באר: וואָס בעֶדייטעֶט דאָס? וואָס איז אַזוינס געֶשעֶהן

בענעד׳: פאָרט, ניט דאָ איז דיין אָרט!

באר: נו פיהרט איהם פאָרט! נו פיהרט איהם פאָרט!

בענעד׳: דעֶן עֶר איז געֶהיימעֶר יודעֶ!

באר: נון פאָרט מיט דיעזעֶן קעֶטצעֶר
ניכט דאָ איזט זיין אָרט
אין קעֶרקעֶר שלעֶפט איהם אַלעֶ
צום פעֶרברעֶנעֶן איהן זאָפאָרט,
ווארום נאָך שטעֶהט איהר אַלעֶ?
פאַקט איהם אויף דעֶר שטעֶלעֶ!

באַרטעֶלא: וואָס איז דעֶן דאָס? אָה זאָגט מיר!

באר: וואָרום שטעֶהט איהר נאָך אַלעֶ
פאַקט איהם אויף דעֶר שטעֶלעֶ!

באַרטעֶלא: עֶרגרייפעֶן מיך, וואַרום? האַ! — וואַרום? האַ! זאָגט, וואָרום טהוט איהר דאָס, איז דעֶן דאָס קיין זינד?!

באר: וואָס וויל דעֶר קעֶטצעֶר, העֶרט איהם אוים!

באַרטעֶלא: אָב איך בין קריסט, ווילט איהר וויסעֶן.
זאָ זאָג איך אייך גאַנץ פריי,
איך שווער ביי גאָט, ביי מיין געֶוויסעֶן.
דאָס איך בין מיינעֶן גלויבעֶן טריי;
וואַרום קוועֶלט איהר מיר זאָ זעֶהר?
בין איך דעֶן קיין מעֶנש גלייך מיט אייך?
ווארום דיעזעֶ שאַנדעֶ, עֶרקלעֶרט מיר, זאָ וואָס וואגעֶן
מיך פעֶרקלאַגעֶן און איך זאָל שווייגעֶן איזט דאָך אונעֶרהעֶרט.
בין איך דעֶן קיין קריסט?!...

באר: ניין, ניין!...

באַרטעֶלא: איהר פלאָגט מיך אומזיסט!

באר: ניין, ניין!
וואַרום פלאָגט איהר מיך זאָ זעֶהר?

בארטעלא:
איב איך בין אַ קריסט ווילט איהר
וויססען?
זאָ זאגע איך אייך גאנץ פרייַ;
איך שווער ביַי גאָט אונד ביַי מיין
געוויסען,
דאָס איך בין מייַנען גלויבען טרייַ.
יאָ טרייַ, דאָס שווער איך!

באר:
גלויבט איהם ניכט נייַן, נייַן!
—אָה לאָסט איהם געהן...
ער איז קיין יודע
גלויבט איהם ניט, נייַן נייַן...
—ער איזט איין קריסט
איהר טרייבט איהם אומזיסט...,
הערט ניט זייַנע קלאַגען

ווי קען ער נאָך וואגען אין דער קירכע אַריין צוגעהן.
בינדט איהם די הענדע, מאַכט פון איהם איין ענדע
פאָן דעם יוד צוריק, צוריק, צוריק, צוריק, זאָ פאָרט!
פאָרט מיט דיעזעם קעטצער. מיט איהם פאָרט!
אין דער העללע איזט זייַן אָרט
שלעפט איהם, יאָ שלעפט איהם, געשווינד פאָרט (אויפטריט קעניג).

קעניג: האלט!.. שעמט אייך, אייַנען מענשען זאָ לייַד צו טהון; איהר האבט געוואגט געגען מייַן בעפעהל, אך ווי שענדליך אונער־הערט, פאָן דער קירכע איהם פערוועהרט, ער איזט איין קריסט אונד דער קעניג נימט איהן אונטער זייַן שוטץ!
נו בעגריסט איהם, ווייל ער איז מייַן פריינד!

באר: פאר אונזער קעניג און פאר דער קירכע
וויר בעטען גאָט שיטצע זיי און היטע (בים)
גאָט דער שטארקער וויר בעטען דיך
נון שרייַט וויוואט, וויוואט! פיר שפאניען לאנד (בים)
נון שרייַט אַלע, נון שרייַט אַלע
וויוואט! פיר שפאניען לאנד!

(קעניג פיהרט בארטעלא אין קירכע, בענעדיקטוס שטויסט איהם צוריק ער פאלט. פאולוס שטעלט זיך מיט איין פוס אויף איהם. פאזיציאן).

פארהאנג פאלט.

צווייטער אקט.

(זאל ביי עלווירא, ביי אלע טהירען ריגלען צו פערשליעסען.

פראנצ׳: (פוצט דאס צימער). דיעגא, דיעגא! (אויפטריט דיעגא).

דיעגא: וואס איז? וואס איז שוין ווידער?

פראנצ׳: אונזער עלווירא די גוטע העררין זיצט דארט די אויגען צום הימעל געריכטעט, איהר געזיכט זא בלאס!

דיעגא: ווייסט זי שוין, וואס ס׳איז פארגעפאלען ביי דער קירכע?

פראנצ׳: בעהיטע גאט! ווער וועט עס איהר דען ערצעהלען? דעם גוטען בארטעלא ליעבט זי צופיעל.

דיעגא: אלזא געה שנעל און רוף אהער בארטעלא׳ן דו ווייסט דאך אז ווען ער קומט ווערט זי מונטער!

פראנצ׳: יא, אבער פיללייכט קומט היינט אהער דער מלאך המות?

דיעגא: וועמען מיינסטו, דעם פאטער איהרען?

פראנצ׳: אוי, ער איז שוין זאלאנג נישט געוועזען.

דיעגא: דערפאר האב קיין מורא נישט, דען ווי זיי האבען זיך ביז יעצט נישט געטראפען, אזוי וועלען זיי זיך ווייטער אויך נישט צוזאמען טרעפען.

פראנצ׳: אוי, ער איז טאקע איין אמת׳ר מלאך המות; דו ווייסט גאר ניט ווי פיינד איך האב איהם, איך וואלט בעססער געזעהן דעם טייפעל איידער איהם!

דיעגא: דער פאר האב איך איהם ליעב, פונדעסטוועגען זאלסט דו זעהן אז ער קומט אהער איז ער צו איהר אזוי גוט האטש נעהם איהם ארוים אלע זיינע צייין, מען קען מיינען אז ער האט גאר קיין גאל נישט.

פראנצ׳: אז קיין געזונד זאל ער אויך שוין ניט האבען.

דיעגא: דאס שאט ניט!

פראנצ׳: אוי, ווען איך זאל קיין מורא האבען פאר גאט וואלט איך איהם אריינגערוקט א מעסער אין הארצען.

דיעגא: און איך וואלט איהם ארוים געשלעפט זיינע צייינער פון

מויל! נור וואס טויגען דיר די אלע רייד! געה רוף בעסער אהער בארטעלא'ן.

פראנצ' : איך געה שוין (זי לויפט קעהרט זיך צוריק) אוי דיעגא! איך האב דיר גאר פערגעסען צו דערציילען, —נעכטען רופט מיך צו עלווירא און גיט מיר דאס קייטעלע, זעהסטו?!

דיעגא : אוי, עס איז דאך א גאלדענעס! טאקע אמתדיגע גאלד, און וואס מיינסטו האט מיר בארטעלא געטהון, — דאס לעצטע מאהל ווען איך בין אזוי געשטאנען אין דרויסען און האב אכטונג געגעבען אז דער מלאך המות זאל ניט אריין קומען, דו ווייסט דאך ווע-מען איך מיין, דעם פאטער איהרען, רופט מיך פלוצים אריין בארטעלא און נעמט ארויס א רינג מיט א דיעמאנט, אז עס האט מיר אוש פערבלישטשעט די אויגען.

פראנצ' : טאקע? אנו לאמיך איהם זעהן!...

דיעגא : ווילסטו איהם זעהן, זאלסט דו דיך אבער ניט דערשרעקען, וויש דיר פריער אוים די אויגען, זעה (ציינט איהר דאס רינג).

פראנצ' : אוי נעם איהם צו, איך ווער בלינד!

דיעגא : האסטו געזעהן א בחור, א יונגאטש?!

פראנצ' : אוי ווי שיין דער רינג איז!

דיעגא : איא, איא שיין, ווייסטו צו וואס ער האט מיר איהם געגעבען?

פראנצ' : צו וואס?

דיעגא : צו אטרויער.

פראנצ' : צו אטרויער, ארינג?!...

דיעגא : ניין, ניין! ניט צו אטרויער, ער האט געזאגט אז דאס איז אטרויער רינג!... ניין אויך ניט! דאס איז... איך וויים ניט... ער האט געזאגט איך זאל עס האלטען פאר מיין כלה!

פראנצ' : דאס זעלבע וואס עלווירא האט מיר געזאגט; ווען זי האט מיר געגעבען דאס קייטעלע האט זי מיר געזאגט אז דאס איז אויך א...

דיעגא : יא, אז דאס איז אטרויעררינג איז דאס אטרויערקייט!

פראנצ' : וואס הייסט אטרויערקייט?

דיעגא : דאס הייסט אז מען פערבינדעט זיך מיט דער קייט טרויערט מען; אוי פראנציסקא ווען דו ווילסט מיט מיר חתונה האבען דארף מיך אגראשען געלד נישט קאסטען.

פראנצ' : פאר וואס?

דיעגא : וויל איך האב אגוטען פריינד א גלח, וואס האט מיך אזוי ליעב אז ער שטארבט נאך מיר האט ער מיר צוגעזאגט אז ווען איך וועלען חתונה האבען אפילו אין מיטען דערנאכט מאכט ער

מיך חתונה אָהן געלד.

פראנצ׳: ניין, דיעגאַ! אַזעלכע זאַכען דאַרף יעצט ניט לעגען אין זינען, זעהסטו דען ניט אַז אונזער עלווירא איז אַזוי קראַנק?

דיעגא: יאַ דאָס איז אמת, יעצט ניט, אָבער שפּעטער? וואָס וועט זיין שפּעטער? אָה... זי שווייגט?!... אַז מען שווייגט איז גוט, געשוויגען הייסט געערערט! אָדער איך וויל מיך אויף דעם ניט פערלאָזען, איך וויל ביי דיר אַ משכון אַז דו בלייבסט מיינע אויף עוויג. שאַ, ווייסטו וואָס? לאָמיר זיך בייטען, נאַ דיר מיין רינגעלע און גיעב מיר דיין קייטעלע... נאַ דו! מאַכטטו אַבייט?

פראנצ׳: יאַ מיר בייטען! (דועט).

דיעגא: בינד מיך מיט דיין קייטעלע,
בלייבען מיר אויביג אַ צווייטעלע,
איך שענק דיר מיין רינגעלע,
איך בלייב אויף עוויג דיין יונגעלע (בים).

פראנצ׳: נו קום מיט מיר אין דער קירכע אריין,
און שווער מיר דאָרטען טרייע צו,
אַז דו וועסט מיר אימער עהרליך זיין
לעבען וועלען מיר אין פריעדען און אין רוה.

דיעגא: און אַז שענקען וועט אונז גאָט מיט אַ קינדעלע
עס זאָל מיר שוין זיין פּאַר זיינע פּים.

פראנצ׳: די מאַמע וועט וואַשען דאָס ווינדעלע
איך פיהל שוין ווי עס שמעקט זאַ זים!..

ביידע: בינד מיך א. ז. וו... (טאַנצען אָב. אויפטרעט עלווירא).

עלווירא: אַך גאָט! וואָרום בין איך זאָ טרויריג, דרויסען שיינט די זאָנע העל, זומער איזט עס אויף דען פעלד נור אין מיינעם הערצען הערשט איין עוויגער ווינטער! באַרטעלאַ! דו העלער שיין אין מיין דונקעלעס לעבען! וואָרום קען איך דיך ניט פיר אַללער וועלט אומאַרמען? וואָרום מוס איך די העלע פלאַמען אין מיינעם הערצען ערשטיקען?! איין עוויגער פלוך לאַסטעט אויף מיר! איך בין די טאָכטער דעם גראַפאינקוויזיטאָרס אונד מוס די זינדע מיינעם פּאָטערס ביסען (אויפטריט דיעגא).

דיעגא: ער קומט, ער קומט!

עלווירא: ווער קומט, באַרטעלא?!

דיעגא: ניין אייער פּאָטער! אָבער אין דער גרעסטער איילע לויפט ער אַהער! איך מוז שטיין אין דרויסען און אַכטונג געבען אַז באַרטעלאַ זאָל יעצט נישט אָנקומען (אָב).

עלווירא: אך מיין הערץ ערטראגע דיין שיקזאל מיט געדולד! עס איזט מיין פאטער (אויפטריט פאולוס מיט א שאכטעל).

פאולוס: אה! וואס מאכסטו מיין קינד?! מיינע זיסע עלווירא! קאממע אומארם דיינען פאטער (זי געהט אונווילינ) מיין קינד! דא האב איך דיר געבראכט איין געשענק (נעמט ארויס א שנור פעריל) דיעזע פעריל האט די קעניגין איזאבעלא געטראגען, דער קעניג האט זי מיר פאר דיר געשענקט, נעהמע און הענגע זי אן דיינען שיינען האלז (ער וויל זי איהר אנטהון זי לאסט נישט) וואס? ביסטו מיט דיעזען געשענק אונצופריעדען?

עלווירא: איך ווערדע דיעזע פערלען ניט טראגען, פאטער!

פאולוס: ניכט? אונד ווארום? זינד די ניכט שיין גענוג? איינע קעני־גין זינד די ווירדיג געוועזען אונד דו ווילסט זי ניכט? עס מוז דאך איינען גרונד האבען.

עלווירא: דאס זינד קיינע פערלען פאטער! דאס זינד טרעהרען! דיעזע האסטו געפישט ניכט פון וואסער, זאנדערען פון פייער, פון פייער דער אינקוויזיציאן!..

פאולוס: וואגסט דו עס צו דיינען פאטער זא וואס צו שפרעכען?

עלווירא: אה, ציירנע ניכט פאטער! איך בין דיין קינד איך מוס עס דיר זאגען! זאנסט ווערדע איך פאלש זיין! —ווארום? ווארום האט דיך דער קעניג מיט דעם בעשענקט?!...

פאולוס: ווארום פראגסטו? האבע איך וועניג פיר דאס לאנד אונד דער אינקוויזיציאן געלייסטעט? איזט מיין נאמען ניכט פערשרי־בען אין בוך דעם קעניגס אונטער דער ערשטען מענערן שפא־ניענס?!..

עלווירא: אה יא פאטער! אין בוכע דעם קעניגס ביזטו גוט, זעהר גוט פערשריבען— אבער דארט אויבען אין הימעל, דארט איזט אויך איין פיעל גרעסערער קעניג אונד דער שרייבט אויך אין בוך... גלענצט דער נאמע פאולוס אין הימעל אויך?..

פאולוס: וועלכע ווערטער? ווער האט עס דיך געלערנט?

עלווירא: אונד ווער האט דיך געלערנט, דאס גאט פערלאנגט מענ־שען אפפער? אה ניין, פאטער! אונזער ערלעזער לערענט אונז צו ליעבען דעם נעכסטען ווען ער אויך אונזער פיינדע איזט.

פאולוס: דאס טהון וויר אויך! אבער די יודען די זינד ביי גאט אויך פערהאסט אונד די דארף מאן ניכט ליעבען אונד לעבען לאסען.

עלווירא: אה ניין, פאטער! ווער איין הערץ, איינע זעעלע האט, דער ליעבט אלע מענשען גלייך, זעלבסט איין טהיער איין ארמעס געשעפף איזט עס איינע זינדע צו קוועהלען, איבערהויפט איינען מענשען, איינען ברודער דער דאס זעלבע רעכט האט צו לעבען

ווי איך ווי דו— אונד איהם נור איבער זיינען גלויבען צו פער=
ברענען? אָה דאַס איזט גרויזאַם פאַטער? דאַס איז שרעקליך! יאַ
פאַטער! גרויס!.. פורכטבאַר גרויס, איזט דיינע זינדע! ווי קין
האָסטו ברודער=מאָרד בעגאַנגען, אום גלאַנץ אונד עהרע האָסט דו
דיך פון דיין פריהערדיגען גלויבען ענטזאַגט אונד מיט אָפּפער,
מיט אומצעהליגע אָפּפער האָסטו דיין נאַמען געבראַכט, זאָ ביט=
טע אום פערצייהונג אום גענאַדע! הערונטער מיט דיינעם אינקוויזי=
זיטאָרישען שענדליכען מאַנטעל! ווער אַ מענש מיט אַלע מענשען
גלייך! באָרוויס אונד הונגעריג זאָלסטו וואַנדלען וואו די געביינער
פון דיינע געטייטע ברידער ליגען אונד דאָרט וויינען, וויינען דאָס
די גאַנצע וועלט מיט דיר מיטוויינען זאָל... יאַ ביטע אום גנאַדע
אום פערצייהונג ביי איהם, ביי'ם אַלמעכטיגען פאַטער אין הי=
מעל?!..

פאולוס: עלווירא! זאָ שפריכסט דו? זאָ שפריכט איינע קריסטין?!
אין איין זאָלכען טאָן רעדעט איין קינד צו זיינען פאַטער אָה דו
אונגעהאָרי... עלווירא! מוזטו דיך נישט גליקליך שעצען דאָס
איך צו זאָ איינען האָהען ראַנג געשטיגען בין?!... אום איינען
נידריגען פערפאָלגטען יודען בין איך גראָסאינקוויזיטאָר געוואָרען
פאָר וועלכעם זאָגאַר דער קעניג ציטערען מוס אונד דו ביזט דאַ=
מיט אונצופרידען! אַלס ביישפיעל מיינער מאַכט נעהמע דיר
דאָס וועלכעם זיך אונלענגסט ביי דער קירכע אבגעשפיעלט האַט
מיט דעם זענגער באַרטעלאַ, ער איז ערשיענען מיט'ן קעניג און
פאָלק ביי דער קירכע איך האַבע שוין לענגסט אויף איהם איי=
נען פערדאַכט דאַס ער געהיימער יודע איזט, אונד בין אין פאָ גע
דעסען געגען איהם עפענטליך אַרויסגעטרעטען און וואַס דענקסטו
וואַס וואַר דאַס ענדע, ער מוזטע די קירכע מיידען! דער קעניג האַט
צוואַר פאַר איהם געבעטען, איך אַבער בין דאָך אויף מיין רעכט
בעשטאַנדען אונד ניכט נאַכגעגעבען, דאַס מיין קינד, נענט מאַן
מאַכט!

עלווירא: אונד דאַס נענסטו מאַכט? אונד דיזעס פערשאַפט דיר
פערגעניגען? אָה פאַטער! וואַס האַט דיר דיזער יונגלינג גע=
טהון, וואַרום זוכסטו איהם צו פערדערבען?

פאולוס: דאַס איזט מיינע זאַכע! איך טוהע מיינע פפליכט אונד
פראַגע ניעמאַנדען אום איינען ראַטה, דאָך וואַס זעה איך, דו
וויינסט?!... מיין אַרעמעס קינד!

עלווירא: אַרעמעס קינד רופסטו מיך?!... אָה ניין, פאַטער! איך
בין רייך! רייך אין ליעבע אונד שמערץ! איך האַבע איינע זעעלע,
איין הערץ! איך בין דאַס קינד מיינער פערשטאָרבענער מוטער!
ניכט די טאָכטער דעם גראָסאינקוויזיטאָרס דו האַסט ניע געליעבט

אונד קאָנסט אויך ניע ליעבען, נור הערשען, בעפֿעהלען! מיט מענשען לעבען צו שפּיעלען דאַס האַסטו געלערנט! דאַרום פֿראַגע מיך ניכט וואַרום איך זאָ טרויריג בין, איך מוז טרויערן, עוויג טרויערן ווייל איך בין דיין קינד! דיין אונגליקליכעס קינד! (אַב).

פאולום: ווער האָט זי דיעזע שאַרפֿע שפּיציגע ווערטער געלערענט! ווי קאָמט עס וואַס זי זאָ אונקריסטליך דענקט! יאַ, עס איזט מיינע שולד, מיינע אייגענע שולד! וועהרענד איך טאַג אונד נאַכט אין דער אינקוויזיציאָן בעשעפֿטיגט בין, האַט זי געוויס אומגאַנג מיט זאָלכען לייטען, וועלכע זוכען איהר הערץ פֿאָן מיר אַבצווענדען, זי גענען מיך אויפֿצוהעטצען. אַבער וואַרטעט! איהר זאָלט אייך איבערציינגען, דאַס איהר די רעכנונג אָהנע דען ווירטה געמאַכט האַבט, איך מוז זי זעהן טעגליך, יאַ שטונדליך מוז איך זי זעהן אונד זוכען איהר קינדערליבע ווידער פֿיר מיך צו געווינען. אָה יאַ עלווירא! טראָצדעם דו מיך זאָ האַרט אַנגעשפּראָכען האַסט! קען איך דיר דאָך ניכט צירנען דען אים גרונדע גענאָמען ביזטו דאָך איין גוטעס ליעבענסווירדיגעס קינד אונד דאַרום זעגנע איך דיך ביז אין דער עוויגער אונענדליכקייט, אַמין (אָב).

דיעגא: (לויפֿט אריין) חאַ, חאַ, חאַ, אוי, האָט זי איהם געגעבין אַ פּאָרציע!.. איך בין געשטאַנען אין איין ציטערניש אַז באַרטעלאַ זאָל ניט אַריין קומען, אוי, ווען ער קומט אָהן אויף דער הייסער שָׁעה מאַכט ער פֿון איהם אַזאַק בײנער, נאָר זי האָט זיך מיט איהם אָבגערעכענט טאַקע ווי מיט אַ טאַטען, דערפֿאַר האָב איך זי טאַקע ליעב; ווען איך זאָל זיך ניט שעמען וואָלט איך איהר אַקוש געטהון, דאָס הייסט, ווען זי זאָל זיך לאָזען!.. אַהאַ מען קומט, דאָס מוז געוויס זיין באַרטעלאַ; איך האָב אַ געבענשטען פֿינגער, אַזוי ווי באַרטעלאַ זעהט נור איהם אין דרויסען אַזוי ווייסט ער שוין אַז ער מעג אַריין קומען (ער רופֿט פּסט... פּסט... אויפֿטריט מארגאריטא) אַ שוואַרצער חלום אויף איהר קאָפּף, וועלכער רוח האָט איהר דאָ אַנגעטראָגען?! זאָגט נור וועמען דאַרפֿט איהר?

מארג': אַבער שרייען זי דאָך ניט זאָ, מיין יונגע! עס איזט יאַ איינע זינדע.

דיעגא: וואָס פֿאַר אַ זינד?!.. אַ זינד הייסט ווען מען קומט אַריין צו יענעם און מען פֿרעגט זיך נישט אָן (אַפּאַרט) איך מוז מיט איהר מאַכען קורץ און שאַרף.— זאָגט נור, ווילט איהר שוין געהן, צו איהר וועט וואַרטען ביז איך וועל אייך אַרוים וואַרפֿען?

מארג': אַך דו מיין ליעבער גאָט!..

דיעגא: דער ליעבער גאָט קען אייך דאָ העלפֿען נאָר קרעכצען.

מארג': דאָס איזט יאַ ניכט רעכט מיין יונגע, גאָט הייסט ניכט זאָ!

דיעגא: גאָט מעג ניט הייסען און איך הייס יאָ! גאָט איז דאָ קיין בעה"ב ניט און ער האָט דאָ גאַר ניט צו בעפעהלען, און געהט פון דאַנען!

מארג': ניין, מיין יונגע! איך געה ניכט!

דיעגא: אַז דו וועסט נישט געהן וועט מען דיך טראָגען!

מארג': מיך האָט גאָט אַהער געשיקט.

דיעגא: גאָט האָט אייך געשיקט? האָט איהר פון איהם אַ קוויטעל?

מארג': איך שטעה יאַ אים דינסט דעם גראָסאינקוויזיטאָרס!

דיעגא: אַזוי! איהר ווילט זיין איין דינסט ביים גרויסאינקוויזיטאָר? (אפּאַרט) אוי די אַלטע חאָליערע געפעלט מיר ניט, איך מוז שוין געהן בעטען עלוויראַן אַז זי זאָל זי אַרויס יאָגען צום טייפעל; וואַרט דאָ אוים איך וועל געהן פרעגען צו איהר קאָנט בעקומען דעם פּלאַטץ דאָ (אַב).

מארג: איך האַבע איהם אָפּטמאָל געזעהן אַהערקומען און גראַדע יעצט זעה איך איהם ניכט היער (זי רופט) פּאַטער בענעדיקטוס! פּאַטער בענעדיקטוס! קומט אַריין! (אויפטריט בענעדיקטוס).

בענעד': אַבער ליעבע מאַרגעריטאַ! ווי קאָמען זי צו דיזער אידע? היער וואָהנט יאַ די טאָכטער דעם גראָסאינקוויזיטאָרס.

מארג': איך האַבע אַבער איהם דאָך אַליין געזעהן, איך בין דאָך ניכט בלינד.

בענעד': דאַס איזט זאָנדערבאַר! אונבעגרייפליך!.. דאָך איך הערע שריט איך מוס וועג געהן, אַלזאָ פאָרשען זי נאַך דעם דינער פיליפּ איז ער גאַר אויך געהיימער יודע אונד באַרטעלאַ קאָמט צו איהם גאַר? ערקונדיגען זי זיך גוט וועגען אַלעם אונד ערפאַהרען ווי דאַס ער איז געהיימע יודע, דאַן ווערדען זי... מוטער!..

מארג': וואַס? מוטער?!..

בענעד': דאַס הייסט... מוטער איבער אַלע שוועסטערין! (אַב, אויפטריט דיעגא).

דיעגא: הייליגע מוטער! געהט אייך געזונדערהייט מיר דאַרפען נישט קיין שום דיענסטען, און געהט פון דאַנען!

מארג': אַבער דו האַסט מיך ניט פערשטאַנדען יונגע, איך שטעה אין דיענסט יאַ, ביים גראָסאינקוויזיטאָר!

דיעגע: אַזוי איהר זענט שוין אַ דיענסט? האָט איהר דאָך שוין געקראָגען די פּלאַץ, וואָס זשע נאָך ווילט איהר?

מארג': אַך דו מיין ליעבער גאָט! איך בין יאַ אויף זאָ איין הייליגען פּלאַץ! היער וואָהנט יאַ די טאָכטער דעם גראָסאינקוויזיטאָרס קען איך פיליפּט ביט איהר שפּרעכען?! (זי לאָזט זיך געהן, ער לאָזט נישט).

דיעגא: ווארט נור אוים הייליגע מוטער! עלווירא האט יעצט קיין געדולד אונד איך האבע קיין צייט מיט אייך צו רעדען, און הערט אויף צו דוי׳ען א קאפף און געהט אייך! ווילט איהר בעקומען דעם פלאץ געהט צום גראסאינקוויזיטאר און בעקוממט דעם פלאץ מיט איהם אדער אהן איהם, ווי אזוי איהר ווילט?!

מארג׳: (אפארט) ער לאזט זיך גאר ניט רעדען! קום אהער מיין יונגע, פירכטע ניכט איך טהו דיר גאר ניכט!

דיעגא: אוי דאס איז איין אומריינע זאך: קוקט נור אן אפאר אויגען ווי ביי א מלאך המות.

מארג׳: קאם הער מיין יונגע! דו ביזט דאך זא איין שיינער יונגע! איך ליעבע דיך זא (קושט איהם) אך דו מיין ליעבער גאט!

דיעגא: אוי א חאליערע אויף איהר קאפף, קושט מיך און דושעט דעם רבש״ע.

מארג׳: זאגע מיר נור שיינער יונגע! קענסטו זינגען?

דיעגא: צו איך קען זינגען? איך האב א שטימע פון א קאנטראבאס— וואס זאג איך פון א גאנצען טראנבאן! צוויי זינגער זענען דא אין גאנץ שפאניע איך און בארטעלא, און שוין!...

מארג׳: (אפארט) בארטעלא? ער קען איהם? יא! פאטער בענעדיקטוס דו האסט רעכט... אך בארטעלא דער זינגט ווי איינע נאכטיגאל ניכט וואהר? קענסטו איהם?

דיעגא: וועמען בארטעלא? א שעהנע פראגע צו איך קען איהם?

מארג׳: האסטו מיט איהם אמאהל געשפראכען? יא? אך דאס מוז דאך איינע פריידע זיין.

דיעגא: נו געווים האב איך מעהר פערגעניגען מיט איהם צו רעדען ווי מיט אייך.

מארג׳: וואס? איך בין דאך יא די הייליגע מוטער!

דיעגא: איך הער דיך ווי דעם קוטער!

מארג׳: ביזטו מיט איהםווירקליך זא בעפריינדעט? קאנסטו מיך פאר איהם פארשטעלען?

דיעגא: וועמען דיך פאר בארטעלא, חא, חא, חא, קוק אהן א חיה (לאכט) חא, חא, חא... אוי מיינע קישקעס.

מארג׳: לאכע, לאכע נור מיין יונגע דו ווייסט אבער ניט ווער צום לעצט לאכען ווירד, איך בין נאך ניכט זא שפאט ביליג דאס דו איבער מיר לאכען זאלסט! עס איזט וואהר ער איזט קעניגליכער זענגער אבער איך שטעה אים דיענסטע דעם גראסאינקוויזיטארס! איך געה צו איהם אונד ערצעהלע דאס דו אונד בארטעלא זינד געהיימע יודען! אונד איהר זאלט עס בעצאלען מיט׳ן לעבען (אב).

דיעגא: (רופט איהר נאך) הייליגע מוטער!.. אוי וועה איז מיר וואס האט זי געזאגט?— איך בין געהיימער יודע! מעהר פעהלט מיר ניט נור דער גראסאינקוויזיטאר זאל דאס ערפהארען, שוין!.. איך פערשפאר שוין חתונה האבען, איך דארף שוין ניט קיין קייטע'ע, מען וועט מיר שוין אנטהון אייזערנע קייטען אויף הענד אונד פים! אבער איך פערשטעה ניט פאר וואס קומט מיר דאס? אמת איך האב טאקע ליעב בארטעלאן, אבער מיך אליין האב איך דאך ליעבער! איך מוז געהן צום גראסאינקוויזיטאר און איהם דערציילען די ליעבע פון בארטעלאן צו עלווירא און לאז מען אויף מיר ניט האבען קיין פערדאכט... נאר ניין, איך קען ניט! איך קען נישט פערראטהען מיינע גוטע הערין זי וועט עס ניט אויסהאלטען און מיין פראנציסקא וועט מיך פארשעלטען! ניין דיעגא בעסער זאלסט דו קראפירען איידער די גוטע עלווירא (וויינט, אויפטריט עלווירא).

עלווירא: ווירד ער קאממען? דיעגא?!

דיעגא: יא גוטע הערין! פראנציסקא איז איהם געגאנגען רופען, באלד קומט ער.

עלווירא: ווארום וויינסטו דיעגא?

דיעגא: איך וויין ווען איך זעה ווי בלאס איהר זעהט אויס, ווי נידערגעשלאגען! זאגט גוטע הערין וואס וועט זיין דער סוף פון אייער ליבע?

עלווירא: פראגע ניכט. מיין פריינד! לאסע מיך דען אונגליקס בעכער טרינקען אונד ווען אויך אם ענדע זאל גיפט זיין, איך וויים עס וועט איין שלעכטעס ענדע נעהמען! אבער איך וויל אלעס גלייכגילטיג ערטראגען, דיעגא! בעט דו גאט פאר מיר, דען פיר מיינע טרעהרין זענען די הימלען פערמאכט. (אויפטריט פראנציסקא).

פראנצ': ער קאמט! ער קאמט! בארטעלא קומט! (אויפטריט בארטעלא).

בארטעלא: אך מיין ליעבער עלווירא! (אומארמונג).

עלווירא: מיין בארטעלא, געליעבטער מיינער!

דיעגא: פראנציסקא, מיר דארפען אליין פערשטיין אז יעצט זענען מיר דא איבריג לאמיר זיך נעהמען דעם דרך (ביידע אב).

בארטעלא: ווי בלאס דו ביזט ליעבע עלווירא!

עלווירא: איך האבע מיך זא געזעהנט נאך דיר! איך וויים אלעס זאגאר דעם פארפאל ביי דער קירכע איז מיר ניט פרעמד, זאגע מיר ליעבער בארטעלא, וואס וועט אויס דיר ווערען?

בארטעלא: פירכטע ניכט געליעבטע! וואס איבער מיך קאמען מאג!... איך וועל עס גדולדיג איבערטראגען, דער הימעל

ווייל ניכט דאס אונזער שטאם זאל גענצליך צו גרונדע געהן. זעה עלווירא מאן האט אונז פעריאגט, איבער ימים געטריבען אין די פלאמען געברענט, אונזערע געבעט־הייזער צו שטערט, אבער וויר לעבען דאך! אין די דונקעלע היילען פערזאממעלע איך מיינע ברידער, דארט ווארפען מיר הערונטער אונזערע מאסקען אונד אהנע יעדער געפאהר בעטען מיר צו אונזער אלמעכטיגען גאט! ער הערט דאס געבעט פון זיינע אונטערדריקטע קינדער!

עלווירא: אבער וואהין ווירד עס דיך פיהרען! שוין האט דיך די קירכע אויס איהרע מיטע אויסגעשלאסען אונד ווען עס זאל געלינגען דען געהיימען פערזאמלונגס פלאץ צו פינדען זא ביזט דו פערלארען.

בארטעלא: עבען דיעזער פארפאל ביי דער קירכע האט מיר נייען מוטה אונד נייע פלענער פערשאפט, איך בין באלד דארויף צום קעניג געגאנגען אונד איהם געמעלדעט דאס איך איינע נייע קירכע בויען וויל, דער קעניג האט עס מיר ערלויבט אונד דאביי נאך בעמערקט דאס עס איזט זייער רעכט פון מיינער זייטע וואס איך איינע קירכע בויען וויל, דא איך פון דער סאנטפאלום קירכע אויסגעשלאסען בין. אבער אין דיעזער קירכע װעלכע יעצט געבויט ווירד שטעקט איין גרויסעס געהיימניס, דען דארט ווירד אלעס איינגעארדענט אויף איין יודישעס בעטהויז דארטהין פערזאמלע איך אלע מיינע גלויבענס ברידער אונד אהנע יעדער געפאהר בעטען וויר צו אונזער גאט!

עלווירא: בארטעלא געליבטער! דו געהסט דיין אונגליק ענטקעגען, פיליייכט ווירד איינער פון דיינע ברודער דיך פערראטען?

בארטעלא: דאס קען ניכט געשעהן, דען נור איין קליינער טייל פון מיינע וואהרע גלויבענס ברידער וואהרע, טריי געבליבענע יודען, ווערדען מיט מיר אין דיעזער געהייניספאלער קירכע היניינגעהען אונד נאר איין געהיימער צייכען מאכט דארט דעם איינגאנג פריי! עס זינד 2 ווארטע „כל־נדרי" וועך אין דער קירכע קאממט אונד וויל אויפגענומען ווערדען דער מוז דאס לאזינגס-ווארט „כל־נדרי" אויסרופען זאנסט ווערדעט ניעמאנד צו געלאזען.

עלווירא: אה! דו טרייע, יודישע זעעלע! אומרינגט פון פראכט אונד גלאנץ פון קעניגליכע ליעבע, האסט דו דאך דיינען גלויבען ניכט פערגעסען! בארטעלא! דו ביזט איין ענגעל! דו צייגסט מיר דעם רעכטען ריינעם וועג צום הימעל! — זא קאממע לאסע אונז צוזאממען בעטען פיר די הייליגע נְשָׁמוֹת פון אונזערע פערשטארבענע עלטערען.

ביידע: (זינגען) יִזְכּוֹר אֱלֹהִים אֶת הַנְּשָׁמוֹת הַטְּהוֹרוֹת!

עלווירא: מען האט אונז געברענט—געבראָטען—געשענדעט!
גאָר אָן רחמנות, געפּלאָגט, פֿערגאָסען אונזער בלוט.

ביידע: נעם זייערע נשמות תחת כנפי השכינה, ונאמר אמן, אמן!

עלווירא: גאָט געדענקע גוט דיין שבועה צו יעקב דיין קנעכט...
פֿערשפּראָכען האָסטו איהם גאָר אָן צאָהל
ווירד אימער זיין דיין פֿאָלק ישׂראל.

בארטעלא: זעה אצונד די גרויסע סכנות
ווי דיינע קינדער זענען נע ונד,
זאָ פֿיעל קרבנות—גאָר אָן רחמנות
געפֿאַלען אַלס אָפּפֿער צו ליעב דיין געבאָט!

ביידע: זכותם יגן עלינו פֿאַר די היילִיגע נשמות
בעטען וויר אצינד, פֿאָטער אין הימעל
יזכור אלהים... (ביז אמן)... (אויפֿטריט פּאולוס מארגאריטא בענעדיקטוס).

פּאולוס: אָה!... אָה!... אַך!

מארג׳: אַך דו מיין ליעבער גאָט! (מארגאריטא און בענעדיקטוס אָב).

פּאולוס: (צו בארטעלא) וואַס מאַכסטו היער?

עלווירא: פֿאַטער זיי גוט, זיי גענאַדיג ער האַט קיין שולד!

פּאולוס: זאָ יעצט איז מיר שוין אַלעס קלאר, דיין אונקריסטליכעס דענקען! דיין אנגעהאָרזאַמקייט געגען דיינען פֿאַטער דאַס האַט ער דיך געלערנט.

עלווירא: ניין, פֿאַטער! הערע מיך ער איזט אונשולדיג.

פּאולוס: אין דיין צימער, מעדכען! (פֿיהרט איהר צו איהר צימער).

עלווירא: איך שווערע דיר פֿאַטער ער איז אונשולדיג!

פּאולוס: אין דיין צימער זאָג איך דיר! דיעזען מאַן וויל איך שפּרעכען אונד דו דאַרפֿסט דאַביי ניכט זיין (ער שטויסט זי אין צימער, פֿערריגעלט אַלע טיהרען),

בארטעלא: וואַרום דיעזע אויפֿרעגונג? אונד אונטער פֿערשלאָסענען טיהרען?!

פּאולוס: דו ביזט עס? דו האַסט געוואַגט אין מיין פֿריעדליכען הויז איינצודריגען און מיר מיין איינציגע טאָכטער צו רויבען?

בארטעלא: איך דיר דיין קינד צו רויבען?

פּאולוס: יאַ דו עלענדער! דו האָסט מיר געוואָלט מיין שאַץ רויבען! מיינע איינציגע טאָכטער, וועלכע איך איבער אַלעס אין דער וועלט ליעבע.

בארטעלא: ליעבע?! דו שפּריכסט פֿאָן ליעבע?! דו, וועלכער האַסט דיינע אייגענע גלויבענס־ברידער מיט קאַלטעם הערצען אויפֿגעאָפּפֿערט! אונד ווי איינע געבונדענע הערדע שאַפֿע זיי צור שלאַכט־
[illegible]

אונרײנע ליכען צו ברענגען? דו, אין דעסען הערצען נור מאָרד האַס אונד ראַכע וואָהנט! צו גוט איז מיר דײַנע ליעבע בעקאַנט און לענגסט בײַ דער קירכע האַבע איך דײַנע קריסטליכע ליעבע קענען געלערנט, ווען איך מיט דעם קעניג בײַ דער קירכע ערשיענען בין אונד דו האַסט מיך אין געגענוואַרט דעס גאַנצען פֿאָלקעס מיט אײַנע שענדליכע ליעגע פֿערלײַמדעט דאַס איך געהיימער יודע בין! דאַמאַלס האַבע איך ערפֿאַהרען וואַס עס הײַסט בײַ דיר ליעבע. אָה, נײַן! וואַגע ניכט דאַס הײַליגע וואָרט אויף דײַנע אונרײנע ליפּען צו ברינגען דען דיעזעס וואָרט איז אין דײַנעם ווערטערבוך ניכט פֿערשריבען! פֿאַטער פּאַולוס! דו ביזט אײַן נידריגער שורק, אײַן אַבשײַ דער מענשהײַט.

פּאולוס: אָה! דו וואַגסט מיר, דעם גראָסאינקוויזיטאָר זאָלכע וואָרטע צו זאַגען? גוט, דו האַסט זיך אין דער העלע דעם געווענס געוואַגט אונד דו זאָלסט אויך איהרע מאַכט פֿיהלען אײַן פֿרײַדענס טאַג ווירד בײַ מיר זײַן דער, אין וועלכען איך דיך פֿערניכטען ווערדע.

בארטעלא: דו, מיך? דאַצו ביזט דו צו שוואַך! גלויבסט דו דאַס איך בין אויך אײַנער פֿון דיעזע קראַפּטלאָזע אָפּפֿער וועלכע זינד דורך דײַנע מערדערישע הענד צור אָפּפֿער געפֿאַלען? אָה נײַן! דו ביזט צו שוואַך מיר געגענאיבער! אונד ווען איך זאָגאַר יעצט אויך אונטער פֿערשלאָסענע טהירען בין, זאָ זאַגע איך דיר אויך דאַס איך בין יודע אונד דו קאַנסט מיר ניכטס טהון.

פּאולוס: אָה דו עלענדער! דו האַסט דיך יעצט אין דײַנע אײַגענער נעץ געפֿאַנגען דו נידער טרעכטיגער פֿערפֿיהרער!..

בארטעלא: וואַגע מיך ניכט פֿערפֿיהרער צו רופֿען, פֿראַגע דײַן קינד אָב איך זי פֿערפֿיהרט האַבע! רופֿע דײַן קינד! וואַרום אונטער פֿערשלאָסענע טהירען?! אויפֿגעבראָכען זאָלען די ווערען!
(ער לויפט צו דער טהיר פּאולוס לויפט איהם נאָך ציהט בײַ איהם אַרוים די שווערד לויפט איהם נאָך איבער די ביהנע).

פּאולוס: וועג פֿון היער אָדער איך... אָה יעצט מוז איך פֿון דיר אײַנע ענדע מאַכען (ער לויפט איהם נאָך איבער דער ביהנע, בארטעלא שרײַט אום הילפֿע, עס לויפֿען ארײַן עלווירא, דיעגא, פראנצישקא).

עלווירא: האַלט אײַן פֿאַטער! האַלט אײַן פֿאַטער! (אַלגעמײנע פּאָזיציאָן פּאולוס פֿאַלט צור ערדע).

פֿאָרהאַנג פֿאַלט.

דריטער אקט.

(פארצימער ביי פאולוס, איין טיש, 2 זעסעל, אויף דעם טיש שרייב־געצייג, פאולוס זיצט, נעבען איהם שטעהט בענעדיקטוס).

פאולוס: בענעדיקטוס שאפע מיר דען בארטעלא אויס דעם וועג, אונד ביי גאט איך בעגליקע דיך! איך מוז איהם פערניכטען דען עס איז מיין ראכע גייסט! אונד וואס מיך נאך מעהר אויפרעגט, אונד וואס מיך ביז צום וואהנזין טרייבט, איז דער געדאנק דאס ער דער געליבטער מיינעם קינדעס איזט, אה ווען עס אין מיינער מאכט ווערע! מיט מיינע 10 פינגער מעכטע איך איהם ערווערגען! איך האבע שוין צוואר פיעל יודען אונד קעטצער פערברענט! אבער איהם צו טייטען ווערע פיר מיך איינע הימלישע פריידע! נון בענעדיקטוס! דו האסט פון געהיימען יודען פערזאמלונג געשפראכען, וואו זינד זי דען?

בענעד': ליידער מוז איך די האפנונג אויפגעבען, מיט דיזען בארטעלא איזט ניכט צום מאכען, דען ער איזט קלוג אונד פארזיכטיג.

פאולוס: אלזא, וואס בלייבט צו טהון?

בענעד': ווער מוזען אבווארטען, גלויבען זי מיר, דאס דער פויגעל ווירד זיך שוין פאנגען, נאר געדולד!

פאולוס: געדולד זאגסטו? ווי קאן איך געדולדיג בלייבען, ווען איך זעה דעם פערראטה אין מיינעם הויזע! ווי קען איך קאלט בלוטיג בייבען ווען עס קאכט אונד זיעד אין מיינעם הערצע! אה! טייפעל אונד העלע! ווארום קאן איך איהם ניכט טעדטען? בענעדיקטוס! שאפע מיר איינען מאן דער בארטעלא זאל טעדטען, ברענגע מיר זיינען קאפף אונד איך בעצאהלע דיר מיט בלאנקענדען גאלד! מיט בליצענדע דוקאטען!

בענעד': אבער גרויסאינקוויזיטאר! בערוהיגט אייך דאך! זי האבען יא איהרע גאנצע קאלטבלוטיגקייט פערלארען! איך שטעה ניכט אב פון איינעם מארד! איבערהויפט ווען עס האנדעלט זיך אום דיזען בארטעלא, ווען ער איזט נאך דאביי געהיימער יודע, אבער דער קעניג ווירד גראסע נאכפארשונגען מאכען, אונד אם ענדע קען איך נאך מיינען קאפף פערלירען, אונד דאס איזט זעהר שלים!

פאולוס: בענעדיקטוס, זא וואהר איך פאולוס בין, עס צייגט זיך איין ליכט!

בענעד': נו טיך זאל עס וואונדערען, ווען זי קיינען גוטען פלאן פינדען זאלען!

פאולוס: ביי אלעם היילינען! דער פלאן איזט אויסגעצייכענט!.. זעצע דיך בענעדיקטוס! וויר שרייבען איינען בריעף.

בענעד' : אן וועם הער גראסאינקוויזיטאר ?

פאולוס : דאס ווירסטו שוין באלד ערפאהרען, זעצע דיך נאר אונד שרייבע ! (בענעדיקטוס זעצט זיך שרייבען) שרייבע ! „אן דען קעניגליכען זענגער בארטעלא ! וויר, שרייבער פון דיזען בריעף זינד געהיימע יודען אוים איינער זיכערער קוועלע האבען וויר ערפאהרען דאס דער גראס= אינקוויזיטאר זוכט דיך צו פערדערבען דארום היטע דיך ! דו דארפסט קיינע געהיימע פערזאמלונג אבהאלטען ! ... דו שרייבסט בענעדיקטוס ?

בענעד' : יא, הייליגער פאטער !.. (לעזט) דו דארפסט קיינע געהיימע פערזאמלונג אבהאלטען.

פאולוס : נון וויטער ! ... „קיינע יודישע גאטעס דיענסט זאל אונטער דעססען שטאט פינדען ! נאר געדולד ! פאלוס איזט אלט, ער ווירד באלד שטערבען, דאן האבען מיר ניט מעהר צו פירכטען, און מיר בלייבען געהיימע יודען, ביז אין דאס ענדע אונזערעס לעבענס" !.. דו שרייבסט בענעדיקטוס ? ...

בענעד' : יא, אבער פערציהען זי מיר מיינע פראגע, וואס מיינען זי דא מיט דיזען בריעף ? עס איזט פיעל בעססער ווען וויר דאס געגענטייל איהם שרייבען ווערדען.

פאולוס : דו פערשטעהסט מיך ניכט ! דיזען בריעף שיקען וויר מיט איינען זיכערען באטען זאפארט הין, ער ווירד איהן אלס איינע ווארנונג פון זיינע פריינדע בעטראכטען, וויר אבער איבערפאלען זאפארט זיין הויז, וויר פינדען דיזען בריעף אין זיינער טאשע אונד דאמיט צום קעניג ! דיזער בריעף ווירד איהם איבערצייגען דאס ער ווירקליך מיט געהיימע יודען אין פערבינדונג שטעהט ! אונד זאגאר דער קעניג, זיין בעסטער פריינד, ווירד איהם אייך ניכט רעטען קענען !

בענעד' : דער פלאן איזט זעהר גוט, וואס טהון וויר אבער ווען בארטעלא ווירד דעם בריעף דורכלעזען אונד נאכהער איהם פערברענען, אדער צעררייסען וואס טהון וויר דאן ?

פאולוס : דאן ?.. דאן איזט שלים !

בענעד' : פערציהען זי מיר הער גראסאינקוויזיטאר ! דער בריעף טויג ניכט ! דאמיט ווערדען וויר די זאכע פערשלימערען, ער ווירד עס אלעס ווארנונג פון זיינע פריינדע נעמען אונד זיך נאך מעהר היטען, נאך מעהר פארזיכטיג זיין !

פאולוס : וואס בלייבט אלזא צו טהון ? זאלען וויר איהם זא אונבעשטראפט רויפען לאסען ?

בענעד' : העրר גראסאינקוויזיטאר ! מיר בליצט אויף איין געדאנק, בפי גאט ער איזט אין אונזערע הענדע !

פאולוס : נון לאסע הערען, אונד איזט דער פלאן גוט, זא מאך איך דיך רייך, אונד ביכט נאך היינטע קארדינאל.

בענעד׳ : וויר מיסען איהם דאס געגענטהייל שרייבען, וויר מעלדען איהם, דאס אויך וויר זינד געהיימע יודען! וויר וואָלען צו גאָט בעטען און וויסען ניכט דעם פלאַץ וואָהין צו געהן, אונד דאַרום ביטען וויר איהם ער זאָל אונז דען געהיימען פערזאַמלונגס פלאַץ אַנצייגען וויר בע־שטימען שוין איינינגע פאָן אונזערע לייטע, וועלכע וועלען זיך אַלס די שרײַבער פון דיזען בריעף אויפגעבען, אונד זאָ וועֶרדען וויר איהם אויף דעם בעשטימטען פלאַץ ערוואַרטען!

פאולוס : ווען ער נאָר קאָמט? וואַס טהוען וויר אַבער, ווען ער ניכט קאָמען ווירד?!..

בענעד׳ : אַה, ווען ער ניכט קאָמט?.. (שמעקט טאַבאַה) דאַן איזט שלים! אַבער וואַרטען זי איך האַב שוין ווידער איינען פּלאַן דאַס שווערסטע דאַביי איזט איהם גלויבען צו מאַכען דאַס די שרײַבער פון דיזען בריעף זינד געהיימע יודען אונד דאַצו גיעבט עס איין זייער לייכטעס אונד גוטעס מיטעל, דער בריעף דאַרף ניכט זיין שפּאַניש געשריבען זאָנדערן העברעאיש, וואַס מאַן רופט לשון־הקודש אונד וואַן ער איינען זאָלכען בריעף בעקאָמט, ווירד ער זיכער קאָמען אונד צו אונז דאָס פאָלסטע צוטרויען האַבען.

פאולוס : בענעדיקטוס! דו האַסט איין געטליכעס געהירען! יאַ, נאָר העבראיש אָבער ווי פאַנג איך עס נאָר אָן? איך האַבע שוין זאָ לאַנגע קיין העברעאיש וואָרט געשריבען.

בענעד׳ : פּראָבירען זי עס נאָר!

פאולוס : יאַ, איך ווערדע עס פּראָבירען, פערזוכען! דען פערזוכען אונד פּראָבירען געהט איבער שטודירען, אַלזאָ איך וועל עס מאַכען קורץ (ער זעצט זיך שרײַבען)... „בחצר המלך אל ראש המשוררים (מורמעלט) בענעדיקטוס, עס געהט.

בענעד׳ : עס געהט, איז גוט.

פאלום : (שרײַבט וויטער)... „יהודים אנחנו... אחינו (מורמעלט) בענעדיקטוס! דער בריעף איז באַלד פערטיג.

בענעד׳ : קאָן איך פיליייכט אויך הערען וואַס אין דיזען בריעף געשריבען שטעהט.

פאולוס : בענעדיקטוס! ניכט נאָר הערען זאָגאַר די ערקלערונג ווערדע איך דיר ניכט שולדיג בלײַבען. היער איזט ער פערטיג... (לייענט) „אל ראש המשוררים ד. ה. אן דעם ערשטען זינגער „ברוך בן טוביה דאַס איזט זיין, אונד זיין פאַטערס נאַמען, „בחצר המלך, — אין קעניגליכעם האָפע דאַס איזט די אַדרעסע אונד יעצט, בעגינט דער בריעף „יהודים אנחנו — וויר זינד יודען, אך מפחד הכהנים היינו לנוצרים, — נאָר אויס פורכט דער פּריסטערשאַפט זינד וויר קריסטען

— —

געוואָרדען, אנא אחינו לראות פניך חפצנו בכל לב, — ווי ווינשען פאָם הערצען דיך קענען צו לערנען, אבל לא נדע איה מקום כבוד אל למען נשמור דתנו, אבער וויר וויסען ניכט דעם פלאַץ וואו גאָט צו בעטען, ככתוב בתורת משה — ווי עס שטייט אין תורת משה געשריבען, נון בענעדיקטוס! וואָס זאַגסטו אויף דעם בריעף?

בענעד': אוים געצייכענט! איין מייסטער ווערק! אַבער עס וואַר דאָך מיין פלאַן פערגעסען זי ניכט הערר גראָסאינקוויזיטאָר!

פאולום: איך רויבע קיינען מענשען זיין פערדיענסט נאָך הייטע זאָלסטו דיין ווינש ערהייכען, דער בריעף איזט זיין טאָדעס אורטייל! נון בענעדיקטוס! לויפע שנעל אונד בעזאָרגע איינען באָטען, זאָרגע דאַפיר דאַס נאָך הייטע זאָל דער בריעף אין זיינע הענדע זיין, אַבער שנעל! (גיעבט איהם דעם בריעף)

בענעד': איך געה שוין! (בענעדיקטוס אַב)

פאולום: אָה באַרטעלאַ! ענדליך האַבע איך דיך אין מיינע הענדע געפאַקט, ענדליך האַבע איך דיך! אונד איך ווערדע דיך ערשטיקען, דער טריאומף איזט מיינער! די קלוגהייט האַט געזיעגט חאַ, חאַ, חאַ! (אַב, אויפטריט פראַנציזשקאַ, דיעגאַ, דיענער)

ביידע: פאַטער פאָלום! פאַטער פאָלום!

דיענער: וואַס איזט! וועהם זוכט איהר?

פראַנצ': מיר דאַרפען דעם פאַטער פאָלום, וויר זינד דיענער ביי זיינע טאָכטער זי האַט אונז געשיקט מיר זאָלען איהם רופען, זי איז געפעהרליך קראַנק!

דיענער: נון, וואָס געהט עס מיך אָן.

פראַנצ': אָבער וואו איזט דער פאַטער פאָלום?

דיענער: ער איז אוועק געגאַנגען.

פראַנצ': קאָמט ער באַלד?

דיענער: ער קאָמט באַלד אין 6 שטונדען אַרום! (אַב)

דיעגאַ: אַ שיינער באַלד! אין 6 שטונדען ארום! אָך! די אונגליקליכע עלווירא, זייט דעם פאַרפאַל ביי איהרעם פאָטער אין הויז איז זי אַזוי קראַנק, דו קענסט זיך פאָרשטעלען ווי זי האַלט שוין, אַז זי האָט אַליין געשיקט נאָך דעם מלאך המות...

פראַנצ': אונגליקליכעס קינד! באַרטעלאַ האָט זי שוין זייט איינינע טאָגע ניכט בעזוכט ער ווייסט גאָר נישט אַז זי איז קראַנק!

דיעגאַ: אוי! ווי נעם איך אַצונד די אַלטע מכשפה!

פראַנצ': וועמען מיינסטו? אַ!.. אַך דו מיין ליבער גאָט!

דיעגאַ: אוי, ווען איך דערטאַפ זי, זאָל איך אַזוי לעבען, ווי איך נעהם איהר אַרום דעם גאַנצען קאַסטען ציין! און דליבע איהר אַרום די אויגען פון קאָפ!

פראנצ׳ : וואָס האָבען מיר זיך דאָ אַנידער געשטעלט טעהנען, ער איז דאָך דאָ נישטאָ, קום לאָמיר געהן!

דיעגאָ : און וואס וועט עלווירא זאָגען? זי האָט דאָך אונז געשיקט נאָך פּאָולוס׳ען!

פראנצ׳ : שאַ... ווייסטו וואס לאָמיר איהם איבערלאָזען אַ קוויטעל אַז עלווירא איז שטאַרק קראַנק, וועט שוין דער מלאך המות אַליין קומען.

דיעגאָ : נאָ היינטיגעם מאָל האָסטו אויך געזאָגט אַ קלוג וואָרט (ער געהט צו צום טיש). קוק! טינט און פעדער, פּאַפּיר, גלייך ווי מען האָט זיך געריכט אויף אונז, נאַ, איך פערקאַטשע די אַרבעל און דו גיעב לשון. (ער זעצט זיך שרייבען).

פראנצ׳ : (פּאַציט די ביהנע) נו שרייב! צום גרויסען און צום הייליגען פאָטער פּאַולוס! אייער עלווירא איז קראנק! שטערבליך קראַנק!... (וויינט) זי ליעבט דעם גרויסען זינגער באַרטעלאַ זי קאָן אַן איהם ניט לעבען. (דיעגאָ קוקט זי אָן און לאַכט) האָט רחמנות אויף 2 ליבענדע יונגע זעעלען שטערט ניט זייער גליק, (דערזעהט אַז דיעגאָ שרייבט נישט) וואָס איז דאס, דו שרייבסט ניט?

דיעגאָ : וואָס האָסטו זיך צוויינט וואס? וואו ביזטו עס אין אַ קירכע? אַזוי שרייבט מען עס צו אַ מלאך המות; שטערט ניט זייער... האָט רחמנות... אַ נו זעץ דו דיך נאָר דאָ אַנידער וועסטו שוין הערען ווי איך וועל געבין לשון אַז עס וועט איהם פינסטער ווערען אין זיינע אויגען, (עס געשיהט) שרייב! צום גרויסען צום גראָבען צום שטאַרקען, אַ קרענק איהם אין בויך... נו וואו האַלסטו?

פראנצ׳ : אַ קרענק איהם אין בויך!

דיעגאָ : וואס טהוסטו? אַ קרענק איהם אין בויך דאַרף מען ניט שרייבען, דאָס האָב איך איהם גלאַט אַזוי געזאָגט, מעק אוים!... איך דער קלייגער דיעגאָ זאָג אייך דעם אמת, אַז איהר זענט אַ שענדליכער מענש... מיט גרויסע בוכשטאַבען! נו וואו האַלטסטו?

פראנצ׳ : ביים... שענדליכען מענש מיט גרויסע בוכשטאַבען!

דיעגאָ : וואס טהוסטו? דעם שענדליכען מענש האָב איך דיר געהייסען אנשרייבען מיט גרויסע בוכשטאַבען. מעק אוים! נאָ ווייטער! איהר האָט אַ טאָכטער שיין ווי אַ מלאך! ריין ווי די ליכטיגע זון נאָר איהר מאַכט איהר פינסטער דאָס לעבען! ... נאָ וואו האַלסטו?

פראנצ׳ : ביים פינסטערען לעבען!

דיעגאָ : ז. איזט קראַנק זי וועט עס נישט אויסהאַלטען און נאָר דורך אייך וועט ז. יונגערהייט שטאַרבען... וואו האַלסטו?

פראנצ׳ : ביים שטאַרבען! (וויינט)

דיעגא: און נאר איהר וועט זי טרייבען יונגערהייט אין דער ערד אריין! נו ווי האלסטו?

פראנצ': אין דער ערד אריין!

דיעגא: דארום זאג איך אייך... אז באלד וועל איך חתונה האבען מיט מיין פראנציזשק'ן,—חתונה האבען מיט גרויסע בוכשטאבען נאך דער חתונה ווער איך פאר מיר אליין א בעה"ב און עפען מיר אויף א געשעפט! וואו האלסטו?

פראנצ': ביים!... (זי וויזט איהם ווי זי האט געשריבען)

דיעגא: גוט, און אזוי ווי איך וועל עפענען איין אייגען געשעפט דארף איך אייך אויף כפרות!—כפרות מיט גרויסע בוכשטאבען וואו האלסטו פראנציזשקא?

פראנצ': ביי די כפרות!

דיעגא: עלווירא נעם איך צו צו מיר איך וועל זי אבהיטען ווי מיין אייגען קינד און די ליעבע מיט בארטעלאן וועט זיין א ליעבע, אזוי זאגט אייך דער קליינער דיעגא, און שוין!

פראנצ': דער קליינער דיעגא, און שוין!..

דיעגא: וואס טוהסטו? און שוין דארף מען ניט! דער שוין הייסט אז איך האב גיענדיגט דעם בריעף, מעק אויס! יעצט קום.

פראנצ': ווארט נור אויס לאמיר זעהן וואס איך האב געשריבען (זי לייענט) צום גרויסען צום גראבען א קרענק איהם אין... ניין ניין אויסגעמעקט!.. ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגען דיעגא דער בריעף געפעלט מיר נישט.

דיעגא: וואס דארף ער דיר געפעלען, אבי ער וועט איהם געפעלען!

פראנצ': ער וועט איהם אויך ניט געפעהלען אז דו זירעלסט איהם גאר.

דיעגא: וואס דען וואלסטו געוואלט איך זאל איהם אפשר בענשען?

פראנצ': שא, אט ליגט דא א בריעף נעם און לעז איהם דורך וועסטו זעהן און זיך האטש אויסלערנען ווי צו שרייבען!...

דיעגא: איך בין א בעל'ן צו זעהן ווער עס קען בעסער שרייבען א בריעף פון מיר... (ער נעמט דעם בריעף און לייענט) צום גרויסען און קעניגליכען זינגער בארטעלא! דו הערסט וואס פאר א טיטעל מען גיט איהם אב, א פיינעם מענש שרייבט מען פיינע בריעף! אבער איך פערשטעה ניט ווי קומט אהער דער בריעף ווער האט פון דאנען געקענט שרייבען צו בארטעלאן.

פראנצ': א נו, וויז נור אהער דעם בריעף (זי וויל איהם נעמען).

דיעגא: חאפ ניט! אז איך האלט איהם קען איך דאך איהם אליין לעזען, וויר די שרייבער פון דיעזען בריעף זינד געהיימע יודען! אויס איינער זיכערן קוועלע האבען מיר ערפארען דאס דער גרויס-

אינקוויזיטאר זוכט דיך צו פערדערבען... אה יעצט פערשטיי איך שוין דאס מוז זיין א בריעף וואס מען האט ארויסגעגנב'ט ביי בארטעלען און דער פאטער פאולוס וויל איהם מיט דיעזען בריעף פערקלאגען ביים קעניג! טהון מיר אזוי (לייגט צוזאמען דעם בריעף 1, 2, 3, 4, ניט מיר און ניט דיר, וועט דער גרויס אינקוויזיטאר ניט האבען פון וואס צו זאגען, און בארטעלא וועט ניט האבען פון וואס צו קלאגען און צווייטענס דארף מען שוין לויפען צו עלוויראן און איהר ערצעהלען וואס איהר פאטער וויל טהון בארטעלען, קום!
(ער וויל געהן)

פראנצ׳: וואס ווילסטו טהוען דיעגא? גנב'הסט פרעמדע בריעף?

דיעגא: געה נאר איך האלט פון דעם כלל אז פון א גנב מעג מען גנבה'נען (ביידע אב).

פערוואנדלונג.

(שטעלט פאר א קירכע 4 קאלאנעס קאנדיליאברעס מיט ליכט אויף דער ביהנע שטייט שלמה מנשה, קאהר, אייניגע קומען ארמין און רופען אויס דאס ווארט „כל-נדרי" מען גריסט זיך איינס דען צווייטען).

שלמה: גלויבט איהר דאס ניעמאנד איזט אונטער אונז וועלכער דארף יעצט ניכט דאגעגען זיין?

מנשה: אלע האבען דעם צייכען „כל-נדרי" געגעבען, קיין פרעמדער איזט אונטער אונז פערהאן.

שלמה: אלזא וואלען וויר עמפפאנגען דעם גרויסען גאסט דען הייליגען יום כיפור.

מנשה: ניין, זאלאנג ווי ברוך בן טוביה איזט ניכט היער, קענען וויר גאר ניט אנפאנגען.

שלמה: זעהר רעכט, דען נור ער אליין ווייסט דאס געהיימניס ווי די קירכע אין דעם טעמפעל צו פערוואנדלען, אבער ווייסט איהר מיינע ברידער פון דעם נייעס?

אלע: נייעס? וואס פיר א נייעס?

שלמה: דער משומד הגדול פאולוס ימח שמו האט איינע טאכטער איזט זי א יודיש קינד, פון אזא אומרייניגע זאך ווי פאולוס זאל ארויס קומען אזא כשר קינד! (מען הערט קלאפען אלע ערשרעקען, שלמה געהט צו צו דער טיר און פרעגט ווער איז, עס הערט זיך דאס ווארט „כל-נדרי", אלע בערוהיגען זיך אויפטריט בארטעלא).

שלמה: וויר האבען דיך שוין מיט אונגעדולד ערווארטעט.

בארטעלא: פערצייהעט מיר מיינע ליעבע שוועסטער און ברודער דאס איך האבע אייך זא לאנגע ווארטען לאסען, דאפיר ברענג איך אייך איינע גוטע נאכריכט!

אלע: אײַנע גוטע נאַכריכט?

בארטעלא: איך האבע עבען איין בריעף ערהאַלטען אין װעלכען מען האַט מיר בענאַכריכטעט דאס עס גיעבט נאָך זעהר פיעלע יודען אין שפּאַניען און די װינשען אין אונזערען בונד זיך אײַנצושליסען! אלזאָ מײַנע ברודער, זאָלען װיר זיי גלייך בעאַנטװאָרטען?!

שלמה: אָה, ניין, יעצט איז צו שפּעט, װיר מוסען עמפּפאַנגען דעם גרויסען גאַסט דעם הײליגען יום כפור!

אלע: יאָ, װיר מוסען עמפּפאַנגען, עס איזט שוין צײַט!

(אַלע טהוען אָן קאַפּלען, די קירכע װערט פערװאַנדעלט אין אַ שוהל, עס עפענט זיך אַ טהיר פון אונטען, מען נעמט אַרויס אַ עמוד מיט ליכט טליתים — מחזורים — קיטלען, ספרי תורות, כאָר בארטעלאַ זינגען).

כאר: כל... כל נדרי.

כל נדרי ואסרי ושבועי וחרמי וקונמי וכנויי.

כאר: וכנויי......

בארטעלא: שיטצע אונס, רעטע אונס, רחמנות בעטען מיר בײַ דיר.

כאר: בײַ דיר!..

בארטעלא: פאַרנעם דאס גענעט פון דײַן עלענד פאָלק אצינד,
גענוג שוין געליטען פון זײַערע זינד,
פאַלש געשװאָרען, פאַלש געבעטען,
פון דײַן תורה אָבגעטרעטען,
פאַרגיעב אונזער זינד אין דעם טאָג.

כאר: פאַרגיעב אונז!

בארטעלא: אוי, פאַרגיב אונז! אוי גרויסער גאָט פאַרגיעב דײַן פאָלק ישראל, זײַערע זינד, זעה אונזער קװאַהל פון איבעראַל האָב רחמנות אויף דײַן עלענד קינד.

כאר: הנשמה לך, והגוף שלך — והגוף שלך — הנשמה לך! והגוף שלך חוסה, חוסה על עמלך!

בארטעלא: פון פעלקער געפּלאָגט, פון זײַן היים פעריאָגט, פאָן יודישע קינדער קיין זכר ניט מעהר,
צום שמד אונז געטריבען, דאָך דיר טרײַ געבליבען.
זיסער גאָט, אונזער געבעט הער. (כאָר װידערהאָלט)

בארטעלא: מיום כפורים זה עד יום כיפורים הבא עלינו...

כאר: לטובה. (מען הערט קלאַפּען, אַלע װערען ערשראָקען)

בארטעלא: מײַנע ברידער דאס קלאַפּען איז ניט פון אונזערע ברידער, שנעל מײַנע ברידער ענטקלײדעט אײַך, אַלעס זאָל פערשװאונדען.

(עס געשיהט, אַלעס װערט פערשװאונדען דער טעמפּעל װערט צוריק פערװאַנדעלט.)

אין קירכע, איין ספר תורה בלייבט וועלכע מען האט פערשפּעטיגט בעהאלטען אלע שטעלען זיך אויף דער קניה. אויפטריט פּאולוס, בענעדיקטוס, סאלדאטען)

פּאולוס: האלט זאגע איך! איך בעפעהל עס! (אלע שטעהען אויף) ווארום זינד די טיהרע דעס קירכעס פעשלאסען איזט דאס קריסטען ארט? ווער האט דאס איינגעווייהט!

בארטעלא: איך, מיט דער ערלויבעניס דעס קעניגס!

פּאולוס: דו בארטעלא? דאן מוס פּאולוס פאריכטיג זיין! בענעדיקטוס, אונטערזוכע יעדעס ווינקעל דען וויר האבען עס היער מיט איין געהיימע יודען-פערזאמלונג צו טהון! (בענעדיקטוס זוכט)

בארטעלא: מיט וועלכען רעכט האסטו איינגעדרונגען אהנע ערלויבניס דעס קעניגס איין אונטערזוך צו מאכען?!

פּאולוס: מיט וועלכען רעכט פרעגסטו? אונד מיט וועלכען רעכט געהסט דו באַרטעלא איינע קירכע בויען וועהרענד אין דיינע אדערען פליסט קיין קריסטען בלוט גלויבסטו פּאולוס'ן צו טיישען?

בענעדי': (געפינט א ספר תורה הייבט עס אין דער הייך) היער איזט עס!

אלע: וועה, וועה! מיר זענען פערלארען. (אלע ברעכען די הענד)

פּאולוס: אה, וואס איז דאס בארטעלא?!

בארטעלא: (געבראכען) יא, דו האסט געזיעגט! פריי דיך פּאולוס! יעצט בין איך אין דיינע מאכט! אבער ווען דו נאך איינען פונק מענש-הייט בעזיצט! זא ביטע איך דיך לאסע די ארמע שאפע פריי, דען איך אליין האב אין אלעס שולד! איך האבע זי היער הער גערופען!

פּאולוס: פארט מיט איהם! (סאלדאטען ווילען איהם נעמען)

אלע: (מיט ליארם) ניין, נעמט אונזער לעבען! (ציהען די זעבלען. אויפטריט עלווירא מיט א בריעף, פערשלייערט)

עלווירא: בארטעלא זיי פארזיכטיג היער איזט איין בריעף! (זי דערזיעהט פּאולוס, ערשרעקט זיך) מיין פאטער!.. צו שפעט!

פּאולוס: וואס זעה איך? עלווירא דא היער? א יעצט האט שוין יעדע ריקזיכט פאר איהם אויפגעהערט, פארט מיט איהם!

אלע: האלט!

עלווירא: האלט איין פאטער! האבע מיטלייד רעטע זיין...

פּאולוס: פארט מיט איהם!

עלווירא: פאטער! ווען דו איהם ניכט רעטען ווילסט זא וויסע דאס איך שטערבע מיט איהם צוזאמען.

פּאולוס: הערט זי ניכט! פארט מיט איהם!

אלע: האלט!

עלווירא: האלט איין! — גוט, דו ווילסט עס? עס זאל געשעהן! הערט

מיר אַלע אוים, איך זאגע אײַך יעצט דאס וואָס מײַן פֿאָטער האָט אײַך ביז יעצט ניכט ענטדעקט איהר זאָלט וויסען, — איך, די טאָכטער דעס גראָסאינקוויזיטאָרס בין אײנע יודען.

פֿאולוס: הערט זי ניכט, הערט ניכט וואָס זי זאָגט, דען זי איז וואַהנזיניג!

עלווירא: אונד וואָלעט איהר ניכט גלויבען, זאָ איבערצײַגט אײַך! (זי רײַסט אַרוים די ספר תורה בײַ בענעדיקטוס, דריקט עס צום הערצען קושט עס) זעהט איהר דאָס? דיעזעס איז דאָס הײַליגטהום דער יודען, און דיעזעס קיסע איך און דריק עס צו מײַנעם הערצען.

פֿאולוס: זי איז פֿערריקט אונד ווײַסט ניכט וואָס זי טוהט פֿאָרט מיט איהם!

עלווירא: האַלט אײַן! ווײַסע פֿאולוס דאָס איך שטערבע מיט איהם צוזאַמען, אָבער אין מײַנער לעצטער שטונדע פֿערפֿלוך איך דיך, 3 מאָל פֿלוך איבער דײַן מע־דערישען קאָפּף אונד ווילדען באַרבאַרישען אינקוויזיציאָן!.. באַרטעלאַ געליבטער!.. (זי ציהט בײַ איהם דעם זעבעל) איך שטערבע מיט דיר צוזאַמען. (זי שטעכט זיך פֿאַלט צוזאַמען מיט דער ספר תורה)

באַרטעלא: אָה עלווירא געליבטע! דו ביזט טויט! עפֿנע דײַנע אויגען אונד זעה מיך אָן, איך בין עס דײַן פֿרײַנד! דײַן געליבטער!.. פֿאולוס דו ציטערסט? אויך דו קענסט ציטערען? זיהע הער! עס איזט דײַנע טאָכטער!.. דיעזער ענגעל האָט דיך אַ מאָהל פֿאָטער גערופֿען אוים איהרע אויגען זינד מאַנכעס מאָל טרעהנען אום דײַנעט וועגען געפֿלאָסען, אונד יעצט איזט זי טויט! אונד דורך דיר דורך דײַנע שולד!.. גאָטעס פֿלוך זאָל דיך טרעפֿען דו אבשײַליכער מערדער! מײַנע ניכט דאס דײַנע ענדע ווירד אײַן בעסערע זײַן! אָה שוין הערע איך ווי די טויטע ערוואַכען פֿאָן זײַערע גראַבען אונד רײַסען, שנײַדען, בײַסען דײַן פֿלײַש מיט גליהענדע צוואַנגען זיי רײַסען, בײַסען, שנײַדען דײַן שמוציגעס פֿלײַש. (פֿאולוס ציטערט בלאַס וויל פֿאַלען אויף עלווירא'ן, באַרטעלאַ שטויסט איהם צוריק) פֿאָרט פֿון היער דו מערדער! אָ, מײַנע עלווירא! (פֿאַלט אויפֿ'ן קערפּער, אלע פֿאַלען אויף די קניען).

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

פירטער אַקט.

(קאַריטאַוש פֿון קערקער, איין טישעל, צוויי זעסעל, טינט, פֿעדער, פּאַפּיער, קערקערמייסטער, אָפּיציער).

קערקערמייסטער: אַך דאָס פֿערדאמטע קעטצער געזינדעל! נאַר ליאַרמען אונד שרייען וויינען אונד קרעכֿצען, דאָס איזט איינע מוזיק צום פֿערריקט ווערען אבער איינעם דעם בעדויער איך ווירקליך! דער וואר איינמאל קעניגליכֿער זינגער אונד יעצט איזט ער פֿער־שפּערט אויף בראָד אונ־וואַסער! הע, קעניגליכֿער זינגער! דאָ האָסטו צום פֿרעסען אונד צום טרינקען. (מען קלאַפּט) ווער איזט דאָרט? באַלד באַלד! (ער עפֿענט די טהיר, אויפֿטריט בענעדיקטוס, אָפּיציער)

בענעד: ווי געהט עס דען באַרטעלאַ?

קערקערמייס׳: גוט, זעהר גוט, איך דענקע ער שטאַרבט באַלד!

בענעד׳: אָה ניין, דאס זאָל ער ניכֿט, מאַכֿע איהם זיינע קעטין פֿריי דער גראָסאינקוויזיטאָר קאָמט צו איהם. (קערקערמייסטער אָב)

אָפּיציער: איך דענקע, דאס דיעזע נאַכֿט מוס עס זיך ענדיגען ניכֿט וואַהר.

בענעד׳: זאָ איזט עס, געהט עס, איזט גוט! ווען ניכֿט ווירד מאָרגען איין הייסער טאג זיין! זעהן זי ווען באַרטעלאַ ווירד ניכֿט געשטעהן דאס ער וואַר דער פֿערפֿיהרער פֿון דאס מעדכֿען, דאַן מוס איך דען גראָסאינקוויזיטאָר בעדויערען.

אָפּיציער: אַך, דער גראָסאינקוויזיטאָר קומט! (אויפֿטריט פּאָולוס)

פּאָולוס: וועלכֿע צייט איז יעצט?

בענעד: זאָ עבֿען האַט די גלאָקע 3 געשלאַגען!

פּאָולוס: וואַן ווירד דאס פֿייער אויפֿגעריכֿטעט?

בענעד׳: אַם פֿריהמאָרגען, זאָ לאָדערט עס אין אַלע שטראַסען פֿאָן מאַדריד.

פּאָולוס: וואס שפּריכֿט דאס פֿאָלק דאַפֿאָן?

בענעד׳: דאס פֿאָלק איז זעהר נייגעריג, עס וויל זעהן ווי איין אייגענער פֿאַטער וויל זיין קינד צום פֿייער הינריכֿטען, ווען עס זיך אום דער עהרע דער קירכֿע אונד אינקוויזיציאָן האַנדעלט.

פּאָולוס: געהט לאַסט מיך אַליין, איך וויל מיט דעם זעננער באַרטעלאַ שפּרעכֿען. (ביידע אָב) קערקערמייסטער! ברענג מיר באַרטעלאַ היער־הער! זאָ, זי וואָלען עס?... אונד זי זאָלען עס האַבען! אָה! ער קאָמט! (אויפֿטריט באַרטעלאַ, בלאַס, ציטערט, געפֿיהרט פֿון קערקערמייסטער)

בארטעלא: וואס וואלט איהר? דארף איך ניט אטהמען?... זאל מיר די פרייע לופט ניכט ערלויבט זיין?... זאל איך דאס ליכט ענטבעהרען?... וואו איזט מיין עלווירא?...

פאולוס: בארטעלא קאמע דאך צום פערשטאנד אונד הערע מיך אויס! עלווירא לעבט, אבער דורך איהר געשטענדעניס האט דאס פאלק זי פערארורטהיילט, זי זאל ברענען, נאר דו אליין קענסט זי רעטען! זא הערע מיך בארטעלא איך וויל דיך ניכט מעהר מארטערען! אבער מיין קינד! רעטע מיר מיין קינד! רעטע דיינע געליבטע! רעטע זי פון טוידט!

בארטעלא: ווער זאגט דאס — דאס מיינע עלווירא איז טוידט? זי לעבט! יא איך זאגע זי לעבט!

פאולוס: נו יא! איך זאגע אויך דאס זי לעבט! אבער עס ליגט נאר אין דיינע האנד! באלד ווירד מען דיך צום ריכטער פלאץ פיהרען, מען ווירד דיך פראגען אויב עלווירא איזט איינע קריסטען, וואס ווירסט דו זאגען?

בארטעלא: איך זאגע... איך בין יודע... יא איך בין יודע!

פאולוס: יא, דו ביזט יודע! אבער עלווירא זי איזט איינע קריסטין ניכט וואהר?

בארטעלא: ווא איזט מיינע עלווירא?!..

פאולוס: אה פערוואונשטע נאכט! פערפלוכטער טאג! בארטעלא זאגע וואס איך דיך הייסע! אדער איך טוידטע דיך אויף... ניין, ניין! איך טהוע דיר גאר ניכט, קאמע היער זעצע דיך אונד שרייב איינען בריעף... (פיהרט איהם צו צום טיש, גיעבט איהם פאפיער אונד פעדער) אלזא שרייבע! (עס געשיהט)

בארטעלא: זי וואלען מיין געזאנג?

פאולוס: יא יא! דיין געזאנג וויל איך, שרייבע נאר—איך בין יודע!.. זא... זא, עלווירא איזט איינע קריסטען! זא גוט... זי איזט ניע איינע יודען געוועזען! אויסגעצייכענט... וויטער... וויטער! נאר איך האבע זי צום בייזען פערפיהרט!.. זעהר גוט, חא, חא, חא!

בארטעלא: איז דאס אלעס צום זינגען?

פאולוס: יא, צום זינגען, שרייבע נאר אונטער דיין נאמען! זא... זא... אונד יעצט גיעבע עס מיר. (בארטעלא גיעבט ניכט)

בארטעלא: מיין געזאנג? ניין, ניין! מיין געזאנג גיעבע איך ניכט! איך לאס עס מיר ניכט צונעהמען. (פאולוס רייסט איהם אויס דעם בריעף)

פאולוס: הער דאמיט!—קערקערמייסטער! פיהר דעם בארטעלא צוריק און מאכע איהם פערטיג צום ריכטער פלאץ צום ברענגען (קערקערמייסטער פיהרט אוועק בארטעלא'ן)

בארטעלא: (אָבגײַהענד) וואו איזט מײַן געזאנג, וואו איזט מײַן עלווירא? (זינגט: מיזם כפורים זה, אָב)

פאולום: בענעדיקטוס!.. (בענעדיקטוס ערשײַנט) היער האָסטו בארטעלא׳ס געשטענדניס, אײַלע דערמיט צום ריכטער פלאַץ אונד וואן איך מײַן עלווירא אנקלאגען ווערדע זאָלסט דו אויפטרעטען אונד דאס געשטענדניס פאַר דעם גאַנצען פאָלק פאָרלעזען, נאָר דאס קען זי רעטען, געהע!

בענעד׳: דאַרף איהרע טאָכטער דערבײַ זײַן, ווען בארטעלא צור שײַטער הויפען געפיהרט ווירד?

פאולום: יא! אײַלע, נאָר שנעל! (בענעדיקטוס אָב) אָה בארטעלא! דער לעווע האָט זײַנע צײַנע אין דײַן פלײַש אײַנגעביסען, אונד יעצט זאָלסט דו עס פיהלען אונד בלוטען, בלוטען ביז דײַנער האָכצײַט מיט דעם פלאַמען־טאָדט פײַערען ווירסט! יעצט זאָלסט דו עס פיהלען! נאָ יעצט שנעל צור ריכטער פלאַץ! בארטעלא! — דו ביזט פערניכטעט! דער זיעג איזט מײַנער! די קלוגהײַט האָט געזיעגט! חא, חא, חא! (אָב)

פערוואנדלונג.

אײַן לעהרער פלאַץ לינקס דעם אינקוויזיטאָרס שטוהל, געגענאיבער דער אויטאָ דע־פע, אײַן פײַער קעסעל, אויף דער ביהנע איזט דונקעל, טרויערמאַרש פראָצעסיאָן, מיליטער, פאָלק, פאַנען טרעגער פאַושען מעדכען בענעדיקטוס, פאָולום, פון 2 אָפיציערען ווערדען געפיהרט. בארטעלא, עלווירא אין 2 ווײַסע סאַוואָנען געשמידעט אין קייטען.

פאולום: פאָלק פאָן מאַדריד! הערט מיך אוים! זאָ ווי פאַר פיעל יאָהרען פאָרהער, זאָ זיץ איך אויך הײַטע אויף דער ריכטער שטוהל אָבוואָהל מיט געזונקענעם מוטה, דען עס גילט מײַן אײַנציגעס קינד צו פעראורטײַלען הערעט אָבער ניכט וואס זי אײַך זאָגען ווירד דען זי איזט פערפיהרט פאָן דען קעטצער בארטעלא, הערען וויר ליעבער וואָס ער זעלבסט צו זאַגען האָט, פיליײַכט האָט ער אים לעצטען אויגענבליק בערײַעט אונד וויל דורך אײַן געשטענדעס מײַן קינד רעטען, דאַרום הערע מעדכען! דו שטעהסט יעצט פאַר די ריכטער! די שטונדע איזט קורץ און זעהר ערענסט! לעבען אָדער טויט? אײַנס קענסטו דיר וועהלען! דאַרום אנטוואָרטע ביזטו אײַנע קריסטען! גלויבסטו אין אונזער לעהרע? (עלווירא שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין)

בענעד׳: יא האָט זי געזאָגט!

פאולום: זאָ קניהע נידער אונד געשטעהע דאס ער וואר דײַן פערפיהרער?

עלווירא: וואָס? איך זאָל קניהען?! פאַר וועמען? פאַר איך? יאָ איך וועל קניהען, אָבער נאָר פאַר איהם! (צייגט אויף באַרטעלאָ) ער וועלכער ווירד פון איך פערפיהרער גערופען! ער איזט מיין גאָט! מיין גלויבען! מיין אלעס! אָה! שמאך אונד שאַנדע איבער איך ווילדע באַרבאַרען מיט אייער מערדערישע שענדליכע אינקוויזיציאָן!

פאלק: טייטעט זי! פערברענט זי!

בענענד': האלט איין מענער פאָן מאדריד, זייט ניט זאָ איבעראיילט! היער איזט איין בריעף, אים וועלכען דער זענגער באַרטעלאָ זעלבסט געשטעהט דאס ער וואַר עלווירא'ס פערפיהרער אונד זי איזט דורך איהם פערפיהרט געוואָרען.

פאלק: ניין, פערברענט זי! פערברענט זי! (די הענקערס פיהרען אַרויף עלווירא און באַרטעלאָ צום שייטער הויפען, עלווירא מיט באַרטעלאָ אומארמען זיך, זי שרייט אוים שמע ישראל, און שפּרינגט אין פייער, באַרטעלאָ שרייט אוים ד' אלקינו ד' אחד, שפּרינגט אַריין אין פייער, אלע בלייבען שטעהן צומישט).

פערוואַנדלונג

(שטעלט פאָר אַ הימעל, ענגלען, צווישען זיי באַרטעלאָ און עלווירא אין ווייסען געקליידעט, דאָס פאָלק פאַלט אויף די קניע, באַרטעלאָ זינגט).

„מיום כפורים זה, עד יום כפורים...

כאר: הבא עלינו לטובה... (פאָלגס פאַלט אויף דער ערד, ראַנגעלט זיך מיט דעם טויט).

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

ענדע